מען דארף דאָ דערמאָנען דעם אלטן לובלינער תושב ד"ר שמחה בינעם ווייס, וואָס כאָטש ער לעבט היינט אין ווארשע, פאָרט ער יעדע וואָך אין זיין היים־שטאָט, באזוכט די מאכט־אָרגאנען, דערמאָנט זיי דעם צוזאָג וואָס זיי האָבן געגעבן וועגן אָפּהיטן די יידישע מערקווירדיקייטן. דאָס האָט ער צוגעהיט, אז עס זאָל געפייערט ווערן די 450 יאָר פון אלטן יידישן בית־הקברות. ער האָט אויך איניציאירט דאָס אָנקלאפּן אן אָנדענק־טאָוול אויף דער געביידע פון "ישיבת חכמי לובלין", אין וועלכער ס׳געפינט זיך היינט די מעדיצינישע אקאדעמיע. ער האָט דערפירט צום אויפשטעלן אן אָנדענק־צימער פון פארשניטענעם לובלין. מיט איין וואָרט: ער רוט נישט, טוט אלץ וואָס איז מעגלעך, בכדי צו פאראייביקן די ערטער פון יידישער מארטיראָלאָגיע; אלץ, וואָס איז פארבונדן מיט דער יידישער געשיכטע אין לובלין, וואָס איז א באשטאנדטייל פון דער אלגעמיינער געשיכטע פון דער שטאָט.

ד"ר שמחה בינעם ווייס פראָטעסטירט אויך קעגן די פאלן פון שענדן יידישע מצבות, פון צייכענען אנטיסעמיטישע אויפשריפטן, אינטערווענירט ביי די מאכט־אָרגאנען, שרייבט אין דער פרעסע שארפע ארטיקלען קעגן די כאַדעקיש־ענדעקישע וואנדאלן.

★

אָבער לאָמיר זיך אומקערן צום נומער 27 "קול־לובלין". דאָ צייכנט זיך אויס דער פּרעכטיקער רעפּאָרטאזש פון טאלאנטפולן פּובליציסט און טיכטיקן געזעלשאפטלעכן טוער דוד שטאָקפיש, וועלכער דערציילט וועגן די 2 אומפארגעסלעכע טעג, דעם 23 סטן און 24 סטן יולי 1992, בעת וועלכע עס זענען פאָרגעקומען פייערונגען לכבוד דער באנייונג פונעם רעקאָנסטרואירטן בית־הקברות אויף דער וואלעטשניק גאס. צו די פייערונגען, וועלכע עס האָבן אָרגאניזירט און פינאנסירט שרה און מאנפרעד פרענקעל פון אנטווערפען, זענען געקומען חשובע פערזענלעכקייטן פון ישראל, פוילן און אויסלאנד. וועגן די גרויסע יאָרצייט־אקטן האָבן געשריבן אלע פוילישע צייטונגען.

געווען אזעלכע יידן, וועלכע האָבן אָפּגערעדט דאָס פּאָרפאָלק פרענקעל פון זייער פלאן; צו וואָס טויג עס אייך? צו וואָס פטרן אזוי פיל מי און געלט? אָבער די פרענקעלס האָבן זיך נישט געלאָזט אראָפּפירן פון וועג, זיי האָבן פעסט באשלאָסן אלץ צו טאָן, בכדי צו פאראייביקן דעם זכר פון דער יידן־שטאָט.

אויף א סוגעסטיווון אופן באשרייבט דוד שטאָקפיש אלע פייערונגען, וועלכע זענען דורכגעפירט געוואָרן אין די דאָזיקע געדענקפולע יולי־טעג פון 1992. ער גיט איבער די שטימונג, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט אויף דעם רעקאָנסטרואירטן בית־הקברות אויף דער וואלעטשניק גאס, בעתן באזוך אויפן אלטן בית־עולם, אין דער געו. ישיבה חכמי לובלין און אין געו. יידישן שפּיטאָל, בעת דער אנטהילונג פון אָנדענק־שטיין אויפן ברודער־קבר פון 36 יידישע פארטיזאנער, אויפן צוזאמענטרעף מיט דער קליינער צאָל יידן, וואָס וווינען היינט אין לובלין, בעתן וויזיט אינעם אָנדענק־צימער, בעת דער געזעגענונג ביים דענקמאָל לזכר די יידן־קדושים פון לובלין און אומגעגנט און אין אנדערער ערטער. דוד שטאָקפיש שרייבט מיט א שיינעם, זאפטיקן יידיש. זיינע ווערטער טרעפן צום הארצן פון יעדן לייענער און רופן ארויס רעפלעקסיעס און זכרונות ביי די ניצול־געוואָרענע פון טויט. איינע פון זיי איז שרה פרענקעל, די פרוי פון מאנפרעד פרענקעל, וועלכע האָבן פלאנירט און דורכגעפירט דעם גרויסן טרויער־און


teatrnn.pl

פאראייביקונגס־אקט.

עס איז כדאי איבערצוחזרן די פשוטע און גלייכצייטיק ווירדיקע ווערטער פון דער פרוי שרה פרענקעל:

– "איך שטיי דאָ פאר אייך ווי איינע פון די נישט פיל אָפּגעראַטעוועטע דורך א נס. צו דעם נס האָבן גורם געווען דער גלה־פּראַלאַט פאָדעמבניאַק און הער יאַנטשאַרעק. לובלין איז מיין געבורט־שטאָט, די שטאָט פון מיין יוגנט און רייפקייט. ליידער, אין דער שוידערלעכער תקופה פון דייטשישן טעראָר, האָב איך און מיין שוועסטער א סך דורכגעמאכט. מיר זענען געווען עדות פון א טעראָר קעגן יידן און פּאָליאַקן. ווי איינע פון די ניצול־געוואָרענע, איז מיין פליכט צו רעדן וועגן דעם אויפן הויכן קול דאָ, אין לובלין און אין אויסלאַנד. דערציילן וועגן דעם קודם־כל דעם יונגן דור פון אונדזערע ביידע פעלקער".

לאָז מיר דערלויבט זיין צוצוגעבן נאָך עטלעכע אָבער פילזאָגנדיקע ווערטער פון מאַנפרעד פרענקעל:

..."אין לובלין האָט געלעבט א גרויסע יידישע קהילה, וואָס איז געווען די פערל פון פוילישן יידנטום און ווי אזעלכע טאָרן מיר זי נישט פארגעסן. דער בית־הקברות מוז בלייבן ווי א מאָנונג, דערינערונג, אז מער וועט אזעלכעס נישט פאסירן... מיר דאַרפן אויך נישט פארגעסן דעם היינטיקן טאָג, דעם 23־סטן יולי 1944, ווען מיט 47 יאָר צוריק איז באפרייט געוואָרן מאַידאַנעק און ס'האָט גענומען א סוף צום פעלקער־מאָרד".

מען דאַרף דאָ צוגעבן, אז דער רעפּאָרטאַזש פון דוד שטאָקפיש איז רייך אילוסטרירט מיט פאָטאָגראַפיעס, וואָס מאכן נאָך מער איינדרוקספול דעם פרעכטיקן מאַטעריאַל.

פון די ווייטערדיקע מאַטעריאַלן דאַרף מען דערמאָנען די באשרייבונג פון אורשולא פשיבילא פון דער פייערלעכקייט געווידמעט 450 יאָר פון אַלטן יידישן בית־הקברות אין לובלין, פאַרזען מיט א בילד פון ד"ר שמחה בינעם ווייס מיט די באַטייליקטע אין די פייערונגען.

פון גרויסן היסטאָרישן ווערט איז די ארבעט פון יידישן געלערנטן נ. שמן, וואָס לעבט אין טאָראָנטאָ "רבנים אין לובלין". מיר גלויבן, אז סיי די רעליגיעזע, סיי די נישט רעליגיעזע יידן וועלן זי לייענען מיט גרויס אינטערעס.

דער קריטיקער יוסף פרידלענדער דערמאָנט אונדז "די ראָל פון ועד ארבע ארצות אין די יידישע קהילות אין פוילן". כאָטש אויף דער דאָזיקער טעמע איז שוין פיל געשריבן געוואָרן, וועלן די לייענער זיך דערוויסן די געשיכטע פון צוריק אויפשטעלן דעם פנקס אָדער זיך דערוויסן די געשיכטע פון דעם פנקס אָדער פנקסים וועלכע זענען נעלם געוואָרן.

א וויכטיק אָרט אין "קול לובלין" פארנעמען די זכרונות פון דער אלטער היים. זיי זענען געשריבן מיט נאָסטאלגיע און ליבשאפט צום אמאָליקן שפרודלדיקן יידישן לעבן, וואָס איז דורך די היטלעריסטישע רוצחים אויף אַן אכזריותדיקן אופן פארטיליקט געוואָרן. צו די מאַטעריאַלן אין נומער 27 פון זשורנאַל, דאַרף מען דערמאָנען "דער דרדקי־חדר פון לאַנגן משה" – פון יוסף אכטמאַן; "אפשר איז ווער געבליבן! רופט אייך אָפּ!" – פון א. געלדמאַן (סאַן פראַנציסקאָ) און אַנדערע.

צו די רעצענזיעס דאַרף מען דערמאָנען די אָפּשאַצונג פון נאַטעק אקערמאַנס "לובלינער דערינערונגען", געשריבן דורך גיטעלע עדעל־שילדקרויט (פאַריז) און "לובלינער יידן פון אלע לענדער, פאראייניקט אייך" (איבערזיכט פון א.ק. (וואַרשע), איבער דעם נומער 26 פון "קול לובלין".

ווי א גוטער פריינד פון די "קינדער פון לובלין", וועלכע קאָנען דינען אלס ביישפּיל פאר אנדערע לאַנדסמאַנשאַפטן



**אין פארמלחמהדיקן לובלין. פון לינקס: יאַנקל ניסענבוים, בעלא שאַפּיראָ, אפרים רוזנבלום, פּראָפ' בעלא מאַנדעלסבערג־שילדקרויט.**

**בלובלין לפני המלחמה: משמאל – יעקב ניסנבוים, בלה שפירא, אפרים רוזנבלום, פרופ' בלה מאנדעלסברג־שילדקרויט**



**א גרופּע יוגנטלעכע אין לובלין פאַרן חורבן**
**קבוצת צעירים בלובלים לפני השואה**

אין דער וועלט, מוז איך באַגריסן די לובלינער פאר זייערע שיינע איניציאַטיוון, ווי למשל: צו פייערן די געבוירן־יאָרן פון פאַרדינסטפולע אקטיוויסטן, וואָס העלפן פארשטאַרקן די טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע; דאָס פרייען זיך מיט די אויפטוען פון די לובלינער (נחת פון לובלינער); דאָס אָפּגעבן אין "קול לובלין" א סך אָרט פאר די קאָרעספּאָנדענטן און לייענער; דאָס צוטיילן סטיפּענדיעס פעיקע שילער און סטודענטן; די אויפזיכט איבער קראַנקע און זקנים – און פון אָפּגעבן כבוד די, וואָס זענען שוין אוועק אין דער אייביקייט, דערמאָנענען זייערע אויפטוען פאר דער יידישער געזעלשאפטלעכקייט.

מיט איין וואָרט – דער נומער 27 פון "קול לובלין" איז אינטערעסאַנט און באלערנדיק און עס קומט דעם הויפּט־רעדאַקטאָר און דער גאַנצער רעדאַקציע א יישר כוח.

**("דאָס יידישע וואָרט", נומ' 9, וואַרשע, מאַי 1992)**

# א בינטל זכרונות פון די קינדער־יאָרן

## משה מאנדעלמילך

איך בין געבוירן אין טשעכיוו, ביי חסידישע עלטערן, וואָס האָבן געהאט א שפייז־געוועלב. מיך האָט מען גערופן משהלע שאיע מאריס. צו 3 יאָר האָט מען מיך געפירט אין חדר, צום רבין שלמה מילכיקער. די רביצין האָט מען גערופן שיינדאלע.

דער אריינגאנג אין חדר איז געווען דורך אן אלקערל, מיט א דערבייאיק קעכאלע. געלערנט האָט מען אין א גרויסן צימער מיט בענק און א לאנגן טיש. ביי דער מזרח־וואנט איז געשטאנען אן ארון קודש. שבת האָט מען געדאווענט אין אונדזער חדר. אז אין א יידישער שטוב איז געבוירן געוואָרן א קינד, זענען מיר יעדן טאָג, נאָכן לייענען קריאת־שמע, אוועק מיטן רבין צו דער קינפעטאָרין מיט "א גוט אָוונט דעם קליינעם ייִנגעלע". אינעם צימער פון דער קימפעטאָרין זענען די ווענט געווען באהאָנגען מיט שיר המעלותן און אויך סגולה־בלעטלעך ס׳זאָל ניט געשען קיין שלעכטס. א טאָג פארן ברית, האָבן די קינדער באקומען וויין און קיכלעך. אגב, איז דער חדר געווען זייער א ריינער.

אז מ׳איז א ביסל אונטערגעוואָקסן, האָט מען שוין געלערנט חומש מיט רש"י ביי יעקב מלמד, דער זיידע פון פארשטאָרבענעם יאנקעלע פעלדמאן ז"ל. דער חדר האָט זיך געפינען "אין געסעלע" ווו צום סוף איז געווען דער אריינגאנג אין בית הקברות. איך געדענק, אז אין דעם געסעלע האָט געוווינט שמואל וואלערקי, וואָס האָט געצויגן חיונה פון זיינע צוויי פערד מיטן וואָגן. איידער ער איז ארויסגעפאָרן, האָט ער די פערד באפוצט מיט קאָליריקע בענדאלעך און שלייפעלעך.

אין נאָוועמבער 1917, ווען מ׳האָט זיך דערוווּסט וועגן דער באלפור־דעקלאראציע, האָבן די ציוניסטישע פארטייען אין שטאָט גערופן צו אן אלגעמיינער יידישער דעמאָנסטראציע. איך בין דעמאָלט אלט געווען 8 יאָר. דער טרעפפונקט איז געווען אויף לובארטאָווסקע גאס, פאר שיפס הויז. נאָך מיט א טאָג פריער, האָט שמואל וואלערקי געזאָגט, אז ער וויל גיין צוזאמען מיט אונדז, די חדר־קינדער. נאָר מיר דארפן זיך צושטעלן, אָנגעטאָן אין די שבתדיקע בגדים. מיר האָבן אפילו צוגעגרייט א פאָן. ער האָט די 20 קינדער אויסגעשטעלט אין א ריי, צו צוויי, און מיר האָבן פון געסעלע אין קליין טשעכיוו זיך אוועקגעלאָזט דורך א בריק. דאָרט איז געווען האָכמאנס וואסער־מיל. אויפן וועג איז אויך געווען א קלויסטער. ענדלעך זענען מיר צוגעקומען אויף דער באָניפראטערסקע גאס און פארקערעוועט אויף לינקס, אין דער ריכטונג פון דער לובארטאָווסקע.

פאר שיפס הויז האָבן מיר געטראָפן א גרויסן עולם. אויפן באלקאָן פון דער משפחה גראָסמאן זענען געשטאנען די פאָרשטייער פון די פארטייען: לאָזער ניסענבוים ז"ל, שבח לעווענשטיין ז"ל, ווייסעלפיש, וואכאָלדער, מאָקאָטאָווסקי און די פרוי קאָרן.

צי געדענקט ווער יענע דעמאָנסטראציע פון די קינדער? אויב יאָ — ביטע שרייבן אויף מיין אדרעס:
ראשון לציון, רח׳ בן זאב 6/12. — אָדער טעלעפאָנירן: 996582 (03).

# א באזוך אין רעדאקציע פון א יידישער צייטונג אין ניו־יאָרק

## אפרים איינשטיין

אין חודש אויגוסט 1955, איז אין ירושלים געשטאָרבן מיין ברודער בנימין ז"ל. מיין צער און טרויער איז געווען אומדערטרעגלעך. געטרייסט האָב איך זיך מיט דעם, אז אין ניו־יאָרק געפינט זיך מיינער א ברודער, וועלכן איך האָב כמעט נישט געדענקט. ער האָט פארלאָזט פוילן אין יאָר 1914. האָב איך באשלאָסן צו באקענען דעם ברודער, מיט וועמען כ׳האָב איינגעשטעלט א בריוולעכן קאָנטאקט ערשט אין יאָר 1935, מיט מיין אָנקומען קיין ארץ־ישראל.

אזוי ווי מיר איז געווען באוווּסט דער שטארקער אינטערעס פון דער אמעריקאנער פרעסע צו דערלאנגען אירע לייענערס סענסאציאָנאלע און פיקאנטע געשיכטעס, האָב איך נאָך פון תל־אביב געשריבן א בריוו צום "מאָרגן־זשורנאל", אז איך קום קיין ניו־יאָרק זיך טרעפן מיט א ברודער, וועמען כ׳האָב נישט געזען גאנצע 50 יאָר, ווייל ער האָט מיך איבערגעלאָזט אין פוילן, ווען כ׳בין געווען א קינד. און אויב זיי אינטערעסירט אזא באגעגעניש, זאָלן זיי צושיקן א רעפאָרטער און ברענגען פאר די לייענערס א "סקופ". קיין רעפאָרטער האָבן זיי ניט געשיקט, נאָר שפעטער זיך פארענטפערט בריוולעך און טעלעפאָניש. דערביי האָבן זיי געבעטן, כ׳זאָל אליין עפעס אָנשרייבן וועגן דעם צוזאמענטרעף. איך האָב זיי דאָס נישט צוליב געטאָן, ווייל כ׳האָב איינגעזען, אז די אנווועזנהייט פון א פרעמדן מענטש, וואָלט נאָר אָפּגעשוואכט די אינטימקייט און הארציקייט פון א משפחהדיקן צוזאמענטרעף.

מיין ברודער מיט זיין פרוי האָבן מיך אָפּגעוואַרט אין ניו־יאָרקער פאָרט, ווען כ׳בין אויף דער ארץ־ישראלדיקער שיף "ציון" אָנגעקומען אהין מיט נאָך 2 טויזנט אימיגראנטן און טוריסטן. מיר האָבן זיך שנעל געפונען, א דאנק דעם איינפאל פון מיין ברודער אוועקצושטעלן צוויי נעגערס מיט א טראנספאָראנט מיט גרויסע אותיות: "מיסטער איינשטיין — אייער ברודער סעם ווארט אויף אייך".

מענטשן האָבן זיך צונויפגעזאמלט ארום אונדז, זיי האָבן דערפילט א סענסאציע. א קלייניקייט — ברידער האָבן זיך נישט געזען 50 יאָר! די וואָס האָבן אין מיר דערקענט אן ארץ־ישראלדיקן, האָבן געשטעלט אויסטערלישע פראגן. איינער האָט פאָרויסגעזאָגט, אז אין אמעריקע וועט מען מיך רופן פרעד און נישט אפרים. א צווייטער איז געווען זיכער, אז "אויב

איר בלייבט אין די סטעיט א חודש, וועט מען אייך נישט דערקענען".

מיין ברודער רוימט מיר איין א סוד – "לאָמיר גיין. פאר זיי איז דאָס א סקופּ און מיר האָבן נאָך אדורכצוריידן א סך ענינים". נאָך 2 שעה פאָרן אין זיין קאַר, זענען מיר אָנגעקומען צו אים א היים. אויפן וועג, פאָרנדיק, האָט ער מיר געגעבן צו פארשטיין וואָס איז אזוינס אמעריקע, הגם מיר האָט זיך געוואָלט אָנקוקן די ניו־יאָרקער לאנדשאפט. דער טאָג איז געווען א הייסער, נאָך שווערער ווי אונדזערס א חמסין – האָב איך געטראכט.

צומאָרגנס זאָגט מיין ברודער, אז ער וויל מיט מיר כאפּן אן ערנסטן שמועס. ער איז גליקלעך וואָס איך בין געקומען, נאָר וואָרנט מיך, אז אין קאָלומבוסעס מדינה איז יעדער איינער "ביזי", צייט איז דאָרט א טייער ארטיקל. "ביזנעס בעפאָר פלעזשער" איז א הייליק געבאָט פארן אמעריקאנער.

דערהערט אזעלכע רייד, האָב איך מסכים געווען מיט מיין ברודער, בזונדערס נאָך דעם, ווי ער האָט מיר אויפגעקלערט, אז ווי נאָר ער וועט האָבן א ביסל צייט, "וועט עס זיין פאר דיר". נאָך האָב איך זיך דערוווסט, אז מען ארבעט דאָרט אויך שבת און זונטיק. פון דעם אלעמען איז מיר געוואָרן קלאָר, אז איך קאָן זיך באפרייען פון זיין אפּוטרופּסות – און כ'בין ארויס אין גאס.

א טראָפּן ענגליש האָב איך גערעדט און צוויי טראָפּנס פארשטיי איך ניט שלעכט, אזוי אז כ'וועל ניט פארלוירן גיין. דאָס ערשטע האָב איך געקויפט די יידישע טאָג־צייטונג "מאָרגן־זשורנאל" און זעץ זיך אוועק אין א קאפע, כדי דאָרט עפּעס טרינקען און אויך ארייננקוקן אין דער צייטונג. מיט אמאָל געפין איך דאָרט אן ארטיקל פון אונדזער בן־עיר, דער שרייבער, פּובליציסט און עסייאיסט יעקב גלאטשטיין, וואָס בייזערט זיך שטארק, הלמאי אין די לעצטע צוויי וואָכן האָט די ניו־יאָרקער ראדיאָ־סטאציע געווידמעט אירס א פּראָגראם דער קולטור און ליטעראטור פון אלע פעלקער אין דער וועלט, אָבער יידיש און העברעיש זענען בכלל נישט דערמאָנט געוואָרן. און ער וווּנדערט זיך אויך, וואָס קיין איין ניו־יאָרקער ייד האָט נישט רעאגירט אויף דער "פארגעסנקייט" פון די צוויי שפּראכן. און איך האָב זיך געוווּנדעט אויף יעקב גלאטשטיין, וואָס איז געקומען פון לובלין קיין ניו־יאָרק אין יאָר 1919, איז גוט באקאנט מיטן לעבן פון די יידן אין דער גרויסער שטאָט, אז א פערטל פון זייערע לעבנס, פארברענגט מען דאָך אין "קאר", ד.ה. אין אויטאָ.

איך האָב וועגן דעם ענין אָנגעשריבן א בריוו אין רעדאקציע פון "מאָרגן־זשורנאל" און מיט א טעקסי געפאָרן אהין, כדי אייגנהענטיק איבערגעבן דעם בריוו. מ'האָט מיך ארייננגעפירט צום רעדאקטאָר וואָס האָט מיר אנטקעגן געטראָגן א ברייטן "שלום עליכם ליהודי מארץ הקודש". אויף מיין פראגע, פון וואנען ווייסט ער אז איך בין פון ארץ־ישראל, ענטפערט ער – "דער שטאָלצער גאנג און דער פלאם אין די אויגן, זאָגט מיר פון וואנען איר קומט". ער פרעגט, צו וואָס בין איך געקומען? איך דערצייל אים ווי כ'בין געוואָרן באאיינדרוקט פון יעקב גלאטשטיינס טענה – און איך בעט אָפּדרוקן מיין בריוו אין דער צייטונג. נאָכן איבערלייענען דעם בריוו דערקלערט מיר דער רעדאקטאָר, אז ער באוווּנדערט מיך, א יונגערמאן (ס'איז געווען אין יאָר 1957), וואָס אנשטאט צו פארברענגען אין ניו־יאָרק, ווי עס פּאסט פאר א טוריסט, פארנעמט איר זיך גאָר מיט עבודת הקודש. דאָך קאָן איך נישט אָפּדרוקן דעם בריוו, ווייל אונדזערע לייענער וועלן אייער יידיש ניט פארשטיין. אייער יידיש פּאסט פאר ווארשע, ווילנע און נאָך אזעלכע שטעט.

אינמיטן אונדזער געשפּרעך קומט אריין אן עלטערער מענטש, נאָר פול מיט לעבן, און צוהערנדיק זיך צו אונדזער שמועס, רופט ער זיך אָן:

– וואָס איז דער ייד שולדיק, אז איר האָט גענומען א לעבעדיקע, שפּרודלדיקע יידישע שפּראך מיט א רייכער ליטעראטור און זי פארוואנדלט אין א מיסטקאסטן...

איך האָב ביי זיך אָנגעקוואָלן. און דער ייד שטעלט זיך פאר מיר פאָר: – איך בין פסח בימקאָ. איך בין אויך א שטיקל מחותן צו יידיש.

דערהערט זיין נאָמען, פרעג איך אים: – זייט איר טאקע פּ. בימקאָ, דער מחבר פון דער פּיעסע "גנבים"?, וועלכע האָט געהאט גרויס דערפאָלג אין די פּוילישע שטעט און שטעטלעך, און איבערגעלאָזט נאָך זיך די פּאָפּולערע קללה "א פייער זוכט דיך".

דער ייד איז מלא שמחה פון מיין אנטדעקונג, ער נעמט מיך ארום מיט פריינדשאפט און זאָגט א צופרידענער, אז "געבענטשט זאָל זיין דער היינטיקער טאָג, וואָס האָט מיך געבראכט אהער". ער לאדט מיך איין אויף מיטאָג, אויך זעלמאנאָוויטשן, דער מאן וואָס האָט געפּסלט מיין בריוו אין רעדאקציע, ווייל ער איז נישט דרוקפעיק. איך האָב געמוזט אָפּזאָגן דער איינלאדונג, ווייל דעם זעלבן טאָג האָב איך באדארפט באזוכן קאנאדע און אויך זען דעם וואסערפאל ניאגארא.

# לאנדסמאנשאפטן אין ישראל

**דוד שטאָקפיש**

שוין אין אָנהייב פון היינטיקן יאָרהונדערט, איז דאָס יידיש־געזעלשאפטלעכע לעבן, ווי אונדזער יידיש לשון באַרייכערט געוואָרן מיט נאָך א וואָרט, בעצם – מיט נאָך א דערשיינונג, וואָס הייסט לאנדסמאנשאפט. דאָס איז פאָרגעקומען אין צפון אמעריקע, ווו יידן פון שטעט און שטעטלעך, איינגעוואנדערטע פון מזרח אייראָפּע, האָבן געשאפן אָרגאניזאציעס, געזעלשאפטן, "שטיבלעך" אָדער חברה'ס, ווו מ'האָט זיך געטראָפן מיט היימישע מענטשן אויף דער פרעמדער, אומבאקאנטער ערד, כדי זיך ארויסצוהעלפן מיט ראַט און טאַט. אז די דאָזיקע געזעלשאפטן זענען זיך פונאנדערגעוואקסן און אוועקגעשטעלט אויף א פעסטן באָדן, האָט מען אויך אָנגעהויבן זאָרגן פאר די קרובים, וואָס זענען געבליבן אין פּוילן, רוסלאנד, רומעניע און אין די באלטישע לענדער. די זאָרג איז געווען פארן פרט, ווי פארן כלל: סיי פאר עלטערן, שוועסטער און ברידער, פאר כלה'ס און פרויען; סיי פאר גאנצע קהילות און זייערע אינסטיטוציעס, ווי א יידיש שפּיטאָל, א יתומים־הויז, א שול און א שיל. די דאָזיקע הילף פארן יחיד ווי פארן קאָלעקטיוו, האָט פארלייכטערט דעם עול פרנסה פון דער אָרעמער משפּחה אין שטעטל, ווי אין דער

גרויסער שטאָט, און אויך דערמעגלעכט דעם קיום פון געזעלשאַפטלעכע, פילאַנטראָפּישע און רעליגיעזע אינסטיטוציעס אין דער אַלטער היים.

## א

אויך אין אַנדערע אײַנוואַנדערונג־לענדער, ווי דרום אַפריקע, לאַטײַן־אַמעריקע און מערב אייראָפּע, זענען מיר געווען עדות פון אַן ענלעכער דערשײַנונג. אַפילו דער קלײנער ייִדישער ישוב אין ארץ־ישראל, איז ניט געבליבן הינטערשטעליק אויף דעם געביט. אין די יאָרן צווישן ביידע וועלט־מלחמות, איז שטאַרק אַקטיוויזירט געוואָרן די טעטיקייט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אויף אַזאַ מדריגה, אַז ס'איז זיך ניט פאַרצושטעלן אַ פאַרבעסערטער ניוואָ פון ייִדיש לעבן אין מזרח אייראָפּע אין די יאָרן 1939־1918, אָן דער ברודערלעכער הילף פון די לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס.

און נישט קיין וווּנדער. ווײַל דאָס ייִדישע שטעטל אין אייראָפּע פאַרן חורבן, איז געווען אַן אומאויסשעפּלעכער קוואַל פאַר גײַסטיקע ווערטן און משפּחהדיקער צוגעבינדנקייט. אַפילו נאָכן אויסוואַנדערן מעבר לים, איז די דאָזיקע קייט נישט געוואָרן איבערגעריסן. די לאַנדסמאַנשאַפטן, ווי דער יחיד דער בן־עיר, האָבן זיך געזען ווי אַ המשך פון יענעם לעבנסשטייגער. נאָכן אומברענגען אין אייראָפּע אַ דריטל פון אונדזער פאָלק, איז דאָך אַוודאי געווען נויטווענדיק צו שאַפן נײַע לאַנדסמאַנשאַפטן און אַקטיוויזירן די שוין עקזיסטירנדיקע, וואָס איז טאַקע געשען מיט אַ סך שווּנג און איניציאַטיוו. און זיי האָבן אַרײַנגעשריבן אַ הערלעכן בלאַט געשיכטע פון קעגנזײַטיקער הילף און רעקאָנסטרוקציע פונעם ייִדיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן און פון פּראָ־ישׂראלדיקע אַקטיוויטעטן.

פאַר דעם עלטערן דור אימיגראַנטן ביז דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווי פאַר די געקומענע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה אין ביידע אַמעריקעס, אויסטראַליע, קאַנאַדע און אייראָפּע, איז זייער ערשטער אַדרעס געווען – די לאַנדסמאַנשאַפט. דאָרט איז דער נײַ־געקומענער געווען פאַרזיכערט מיט ידיעות און הילף וואָס שייך דער אײַנאָרדענונג אויף אַרבעט, אויסגעפינען אַ דירה, דערוויסן זיך פון קרובים און פרײַנט. נאָר אויסער דער הילף פאַרן יחיד, האָבן די לאַנדסמאַנשאַפטן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער זאָרג פאַרן קאָלעקטיוו. פון יענער זײַט אָקעאַן, זענען דערהאַלטן געוואָרן באַדײַטנדיקע געלט־סומען פאַר די באַדערפענישן פון אַ סך קהילות, זייערע אַנשטאַלטן און אינסטיטוציעס. די לאַנדסלײַט פון אַ פּויליש שטעטל אין ניו־יאָרק האָבן נישט פאַרגעסן די אַלטע היים. עס האָבן זיך אײַנגעשטעלט קעגנזײַטיקע פאַרבינדונגען, בשותּפותדיקע אינטערעסן און צוזאַמענאַרבעט. אין יענער תּקופה, האָט די הילף פונעם "פעטער פון אַמעריקע" געמיינט, קודם כּל – הילף פון די לאַנדסמאַנשאַפטן.

## ב

אויך די מאַנדאַטאָרישע ארץ־ישראל, "די מדינה אונטערוועגנס", אין וועלכער די עליה האָט געמוזט אַדורכגיין דעם שמאָלן פילטער פון דער בריטישער סערטיפיקאַטן־פּאָליטיק, שוין אָפּגערעדט פון די אָפּטע קריזיסן, אַרבעטלאָזיקייט, נויט – האָט פאַרשטאַנען די וויכטיקייט פון לאַנדסמאַנשאַפטן. אויך דאָ אָרגאַניזירן זיך ייִדן פון איין אָפּשטאַם־לאַנד און אָרט, כּדי העלפן אויפנעמען דעם נײַעם עולה און שטיין אין פאַרבינדונג מיט דער אַלטער היים. אַוודאַי איז די מאַטעריעלע שטיצע פון דאַנען נישט געווען – און אויך נישט געקאָנט זײַן – אַזאַ עפעקטיווע, ווי פון די פאַראייניקטע שטאַטן. אָבער די כּוונות און צילן זענען געווען די זעלבע: קעגנזײַטיקע הילף, פאַרבינדונגען מיט די משפּחות און דעם אָרט.

שוין אין יאָר 1925, ווען דער ייִדישער ישוב אין ארץ־ישראל האָט געציילט בסך־הכּל 34.386 (פיר און דרײַסיק טויזנט דרײַ הונדערט זעקס און אַכציק!) נפשות, איז געגרינדעט געוואָרן די התאחדות עולי פולין (פאַראייניקונג פון עולים פון פּוילן). דאָס איז געשען בעת דער פערטער (מאַסן=) עליה, די אַ.ג. "גראַבסקי־עליה"*. גלײַכצײַטיק איז געשאַפן געוואָרן אַ גמילות־חסדים קאַסע, אַ דאַנק אַ געשאַנק פון דעם אַמעריקאַנער ייִד נתן שטראַוס – 600 פונט, ווי אויך באַשטײַערונגען פון דער ייִדישער אַגענץ, געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס און יחידים. מיט 4 יאָר שפּעטער, איז די קאַסע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַן אַקציע־געזעלשאַפט פאַר קאָנסטרוקטיווע הלוואות אַ.נ. "באַנק עולי פּולניה". נאָר די עיקרדיקע באַשעפטיקונג פון דער התאחדות איז געווען: סאָציאַלע הילף, אויסזוכן אַרבעט־ערטער, פּראָדוקטיוויזאַציע און פאַרבינדונגען מיט די לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס האָבן אָנגעהויבן זיך צו אָרגאַניזירן.

אין יאָר 1939, נאָכן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט די התאחדות איניציאירט די גרינדונג פון אַ ספּעציעלן הילפס־קאָמיטעט פאַר די ייִדן אין פּוילן. אויך די ייִדישע אַגענץ (סוכנות) האָט געשאַפן אַן ענלעכן קאָמיטעט, בראש מיט יצחק גרינבוים, אליהו דאָבקין, מ. שאַפּיראָ, ד"ר עמיל שמאָראַק. נאָך דעם ווי דער סוכנות איז אין יאָר 1940 געלונגען אַראָפּצוברענגען פון ווילנע הונדערט באַוווּסטע ציוניסטישע עסקנים, צווישן זיי – ד"ר ה. ראָזמאַרין, אַדוו' אַ. האַרטגלאַס, ד"ר מ. קליינבוים (שפּעטער – משה סנה), ד"ר אַ. סטופּ, י. קלאַרמאַן און אַנ"ד, איז אויפגעשטעלט געוואָרן דער "פאַראייניקטער קאָמיטעט צו הילף די פּוילישע ייִדן", וועלכער האָט געזאָרגט פאַר דער מאַטעריעלער, גײַסטיקער און געזעלשאַפטלעכער אַבסאָרבציע פון אײנצלנע און גרופּן פון פּוילישע ייִדן, ווען ס'איז אין די מלחמה־יאָרן געלונגען זיך צו דערשלאָגן צו די ברעגעס פון ארץ־ישראל.

פון נישט קלענערער וויכטיקייט איז געווען די אָרגאַניזירונג פון די באַוווּסטע טראַנספּאָרטן פון שפּײַז און קליידונג־פּעקלעך צו פּוילישע ייִדן, וואָס האָבן אין די מלחמה־יאָרן זיך געפינען, ווי פּליטים, אין סאָוועט־רוסלאַנד. דער דערמאָנטער קאָמיטעט האָט צו פאַרצייכענען נאָך אַ וויכטיקן אויפטו: די רעטונג־אַקציע פאַר צענדליקער קינדער, אָפּשטאַמיקע פון פּוילן, וואָס זענען דורך טעהעראַן געבראַכט געוואָרן פון ראַטן־פאַרבאַנד קיין ארץ־ישראל.

אין יאָר 1945, מיטן פאַרענדיקן די צווייטע וועלט־מלחמה, האָט זיך אויפגעלייזט דער קאָמיטעט און די התאחדות עולי פולין איז ווידער געשטעלט געוואָרן אין צענטער פון דער לאַנדסמאַנשאַפט־טעטיקייט לטובת די נײַע עולים פון דער שארית הפּליטה. מיט דער צײַט איז די דאָזיקע קערפּערשאַפט פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דער דאַך־אָרגאַניזאַציע פון אַלע לאַנדסמאַנשאַפטן פון פּוילישע ייִדן, וועלכע האָט איר הויפּט־ציל פאָרמולירט מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: "פאַרבינדן די אָפּשטאַמיקע פון פּוילן מיטן ציל צו שאַפן אַ געזעלשאַפטלעכן, קולטורעלן און עקאָנאָמישן אָנשפּאַר פאַר עולים פון פּוילן, ווי אויך כּדי אָפּצוהיטן די היסטאָרישע, קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע ווערטן פון פּוילישן ייִדנטום"

די 40־יאָריקע פּראַקטיק האָט באַוויזן, אַז דאָס זענען נישט

געווען סתם ווערטער, נאָר ממשותדיקע אויפטוען און דערגרייכונגען פון די באַזונדערע לאַנדסמאַנשאַפטן און איר צענטראַלע.

## ג

מיטן אנטשטיין פון מדינת ישראל און א דאנק דער מאסן־עליה אין די יאָרן 1948־1951, האָט זיך אָנגעהויבן א לעבהאַפטע טעטיקייט פון די לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס. די ניי־געקומענע האָבן קודם כל געזוכט שטעטישע, היימישע יידן, וואָס האָט געשטויסן צו באַנייען די אַרבעט פון די שוין פאַראַנענע, נאָר אין גרעסטן טייל "איינגעשלאָפענע" אָרגאַניזאַציעס, אָדער אויפשטעלן נייע, לטובת די יידן פון דעם זעלבן אָרט. אויפן חשבון פון די אלע לאַנדסמאַנשאַפטן לאָזט זיך פאַרצייכענען א גאַנצע ריי אויפטוען, מיט וועלכע די דאָזיקע פשוטע פאָלקס־מענטשן פון די אַמאָליקע שטעטלעך און שטעט פון דער יידישער דיאַספּאָרע, מעגן זיין שטאָלץ.

לאָמיר אויסרעכענען נאָר א טייל פון די אויפטוען: דאָס ערשטע אָרט פאַרנעמט, אָן שום ספק, דער ענין פון פאַראייביקן די הונדערטער יידישע קהילות, וועלכע די היטלעריסטישע רוצחים האָבן אָפּגעווישט פון דער ערד.

★ עטלעכע הונדערט יזכור־ביכער זענען דערשינען אין לאַנד, א דאַנק דער איניציאַטיוו פון די לאַנדסמאַנשאַפטן, מיט זייערע פינאַנסיעלע מיטלען און שווערער מי. די ספרים האָבן אויף א בכבודיקן אופן פאַראייביקט די אומגעבראַכטע קהילות.

★ צענדליקער מאָנומענטן און מצבות, ווי אויך אָנדענק־שטיינער, מיט די נעמען פון די שטעט, שטעטלעך און ישובים, זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אויף די בתי־עלמינס אין קרית שאול, נחלת יצחק און חולון, ווי אין יער הקדושים.

★ אין "מרתף השואה" אין ירושלים געפינען זיך מצבות לזכר הונדערטער פאַרשניטענע יידישע קהילות פון פאַרמלחמהדיקן פוילן.

★ פיל לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן אויך עטאַבלירט סטיפּענדיעס פאַר סטודענטן, פאָרשערס, שילערס אין לאַנד און אין אויסלאַנד, אויפן נאָמען פון זייער אומגעבראַכטער קהילה, ווי אויך באַשטימט ספּעציעלע קולטור־פאָנדן און ליטעראַטור־פרייזן פאַר פען־מענטשן. אזא פרייז האָט ניט איין יידישן צי העברעישן שרייבער דערמוטיקט ארויסצוגעבן זיין בוך, מיט א דערמאָנונג פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, וועלכע האָט געהאָלפן ארויסגעבן דעם ספר, וואָס איז אויך געווען א בכבודיקע פאָרם פון פאַראייביקונג און זכרון.

★ נאָך דעם גרויסן חורבן פון אייראָפּעישן יידנטום איז מען געוואָרן פאַריתומט און עלנט. נאָר די לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן ווי פאַרגיטיקט די דאָזיקע איינזאַמקייט, מיטן צונויפברענגען די בני־עיר אונטער איין דאַך, אין איין געזעלשאַפט. פון א באַזונדערן באַטייט איז געווען דער קאָלעקטיווער "קדיש", ווי מ'האָט באַצייכנט די יזכור־אָוונטן נאָך די אומגעקומענע קדושים, אדורכגעפירט ווי א יאָרצייט־דאַטע, ווען פון די געטאָס זענען טראַנספּאָרטירט געוואָרן די לעצטע יידן, ווו זיי זענען אומגעקומען אין די נאַצישע טויט־לאַגערן.

★ א ריי מיטלשולן און פאָלקסשולן אין ישראל האָבן אדאַפּטירט די אומגעקומענע קהילות אין אייראָפּע אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה און שילערס פון די שולן טרעטן אויף מיט ספּעציעל צוגעגרייטע פּראָגראַמען אויף די יזכור־אַקטן פון די לאַנדסמאַנשאַפטן און לערנען די געשיכטע פון דער אדאַפּטירטער קהילה.

★ אין די אַרכיוון פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל געפינען זיך אָן א צאָל דאַנק־בריוו און קוויטירונגען פון צה"ל, פונעם ועד למען החייל (קאָמיטעט פאַרן זעלנער), פון שפּיטאָלן, אינוואַלידן־היימען, קינדער־אַנשטאַלטן, אוניווערסיטעטן, יד ושם, שולן, בתי־כנסת, רעליגיעזע און וועלטלעכע אינסטיטוציעס, וואָס האָבן באַקומען איינמאָליקע צי רעגולערע געלט־סומען.

★ נאָר דאָס שענסטע בלאַט אין דער געשיכטע פון אויפנעמען אין ישראל די נייע עולים, האָבן פאַרשריבן די לאַנדסמאַנשאַפטן, א דאַנק דער הילף ביים איינאָרדענען אין דער יידישער מדינה זייערס א בן־עיר. אויסער די אָפיציעלע אינסטאַנצן און אַמטן, וואָס האָבן זיך באַשעפטיקט מיט העלפן דעם ניי־געקומענעם, איז אויך די לאַנדסמאַנשאַפט געווען פאַרן עולה א זייער וויכטיקער אדרעס אין די 50קער יאָרן און שפּעטער. ביי כמעט יעדער לאַנדסמאַנשאַפט האָט עקזיסטירט א גמילות־חסדים קאַסע, וועלכע האָט דערמעגלעכט דעם נייעם עולה צו באַקומען א הלוואה אויף באַקוועמע באַדינגונגען; געזוכט פאַר אים אַרבעט און א דירה; און דאָס וויכטיקסטע – געשאַפן אַרום אים אַן אַטמאָספער פון זאָרג, אויפמערקזאַמקייט, אינטערעס און הילף; פאַרלייכטערט ביים אויסגעפינען קרובים, פריינד, חברים.

★ א געוויסע צאָל לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן זיך איינגעשאַפן אייגענע לאָקאַלן, זאַלן, אפילו בנינים, אין וועלכע ס'איז אָנגעגאַנגען א געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט אין די ראַמען פון דער אייגענער אָרגאַניזאַציע. בעת א טייל האָט זיך באַגנוגנט נאָר מיטן אדורכפירן דעם יערלעכן יזכור־אַקט אין געדונגענע זאַלן, האָבן די אַנדערע איינגעאָרדנט במשך דעם יאָר אויך מסיבות, צוזאַמענטרעפן, אויספלוגן און אויפנאַמעס פאַר געסט פון אויסלאַנד.

★ אייניקע לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל גיבן ארויס אַן אייגענעם זשורנאַל, מיט זכרונות פון אַמאָל און פון דער שואה.

אויב רעזומירן די אויפטוען פון די לאַנדסמאַנשאַפטן אין איין זאַץ, לאָזט זיך זאָגן, אַז די דאָזיקע טעטיקייט האָט ארומגענומען א סך געביטן פון סאָציאַלער הילף, פאַראייביקונג, קולטור־געזעלשאַפטלעכע אונטערנעמונגען און – משפּחהדיקייט.

## ד

ס'איז א טעות צו מיינען, אַז די לאַנדסמאַנשאַפטלעכע טעטיקייט אין ישראל האָט זיך באַגרענעצט נאָר צו די פוילישע יידן. לכבוד דעם אויסוואַל פון יצחק נבון אויפן אַמט פון נשיא (פּרעזידענט) פון מדינת ישראל, האָב איך באַקומען אַן איינלאַדונג פונעם וועלט־פאַרבאַנד פון די צפון־אַפריקאַנער יידן צו באַטייליקן זיך אינעם קבלת־פנים לכבוד דעם מדינה־פּרעזידענט. זענען אונטער דער דערמאָנטער איינלאַדונג, אויך געווען אונטערגעשריבן נאָך א דריי צענדליק צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע נעמען אַרום יידישע שבטים און עולים פון לענדער און שטעט: אַביסיניע, פּערסיע, אַמעריקע און קאַנאַדע, ראַטן־פאַרבאַנד, בוכאַרער יידן, ענגלאַנד, אויסטראַליע, ניו־זעלאַנד, גרוזיע, דרום אַפריקע, דמשק, אונגאַרן, אינדיע, האָלאַנד, גריכנלאַנד, קורדיסטאַן, ליביע, מאַראָקאָ, עגיפּטן, סיריע, פוילן, פראַנקרייך, רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיי, טערקיי, טוניס, תימן און נאָך און נאָך – און זיי אַלע פירן א געבענטשטע טעטיקייט, לויטן "מאָדעל" פון די פוילישע לאַנדסמאַנשאַפטן.

אוודאי איז צו שטוינען פון אזא לאנגער, צאָלרייכער רשימה, גראָד אין ישראל, ווו מען שטרעבט צו פאַרוואַנדלען דעם קיבוץ גלויות אין א מיזוג גלויות. איז דען בארעכטיקט, אויסער דער צעשפליטערונג אויף פּאַרטייען און גרופּן, נאָך אָנצוהאַלטן אזא צעדריבלונג פון כוחות פון אָפּשטאַמיקע פון א לאנד, שטאָט אָדער שטעטל, אבי זיך אויסצולעבן אין אן אייגענער לאַנדסמאַנשאַפט?

ניט אנדערש, אז די געבוירענע אין א געוויס לאנד אָדער אָרט, זענען באהערשט פון א מין קאָלעקטיוויסטישן "דיבוק" און זיי ווילן זיך האַלטן צוזאַמען אויף די נייע וווּינערטער, ווי דאָס האָט באוויזן די ביז איצטיקע דערפאַרונג אין ניו־יאָרק, תל־אביב, פּאַריז און בוענאָס־איירעס. א סברה, אז די אלע יידן ווילט זיך אויסלעבן אין אן אייגענער, היימישער אָרגאַניזאַציע, מיט בודזשעטן, סטאַטוטן, "פּרעזידענטן", נאָר דער עיקר – מיט א סך סענטימענטן, זכרונות און נאָסטאַלגיע פון דער אלטער היים. נאָר דעם אמת געזאָגט, שטערט נישט אזא צעשפליטערונג קיינעמען. זי שפּאַנט איין אינעם געזעלשאַפטלעכן וואָגן נאָך און נאָך טוערס, עסקנים, שפּענדערס. דאָס זענען יידן, וואָס אפשר דערפאַר וואָס זיי לעבן נאָך צוביסלעך מיט דער פאַרגאַנגענהייט, זענען זיי גרייט עפּעס צו שענקען דער קעגנוואַרט, כדי דער מאָרגן זאָל אויסזען בעסער פונעם נעכטן... דערוייל פאַרדינט דערפון אמיינסטן מדינת ישראל.

די טעטיקייטן פון די באַזונדערע לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל, זענען ניט קיין שום אבן נגף פאַר אנדערע געזעלשאַפטן און אָרגאַניזאַציעס. כל זמן יידן פון וואַרשע און לובלין, פון קראָקע און ביאַליסטאָק זענען גרייט זיך צוזאַמען צו קומען אונטער איין דאַך און פירן אן ארבעט לטובת דעם כלל און דעם פּרט – זאָל אויף זיי קומען א ברכה.

## ה

צום וועלט־קאָנגרעס פון פּוילישע יידן, פּאָרגעקומען אין חודש יאַנואַר 1961 אין תל־אביב, האָט דער פאַרבאַנד פון עולים פון פּוילן אין ישראל ארויסגעגעבן א ספּעציעלע אויסגאַבע, בעצם – א בוך פון 232 ז"ז א.נ. "לאַנדסמאַנשאַפטן אין ישראל", אין וועלכן ס'ווערט אין 5 קאַפּיטלען דערציילט וועגן דער פאַרצווייגטער טעטיקייט פון דער דאָזיקער צענטראַלער קערפּערשאַפט. כדי צו געבן כאָטש א קליין בילד פונעם אינהאַלט פון דערמאָנטן בוך, וועלן מיר אויסרעכענען די באַזונדערע קאַפּיטלען:

א) פאַרבאַנד פון עולים פון פּוילן אין ישראל. ב) ליי־קאַסע ביים פאַרבאַנד פון עולים פון פּוילן. ג) קאָמיטעט פאַר ענינים פון עליה פון פּוילן ביי דער יידישער אגענץ. ד) די לאָזשע "בני ברית" א.נ. פון פּראָפ' משה שאָר אין ישראל. ה) לאַנדסמאַנשאַפטן – באַריכטן און באַשרייבונגען.

פונעם בוך דערוויסן מיר זיך, אז צום בר־מצווה יאָר פון מדינת ישראל, 1961, זענען געווען אָנגעשלאָסן אין פאַרבאַנד קרוב צו 100 לאַנדסמאַנשאַפטן, מיט א מיטגלידערשאַפט פון בערך 100 טויזנט לאַנדסלייט. אין א באַמערקונג צו די דערמאָנטע ציפערן ווערט אונטערגעשטראָכן, אז די צאָל אָרגאַניזירטע לאַנדסמאַנ־שאַפטן פון פּוילישע יידן אין ישראל ווערט געשאַצט אויף 180, און די אלגעמיינע צאָל אָפּשטאַמיקע פון פּוילן אין יענעם יאָר – 450 טויזנט.

אויב עס לאָזט זיך דיסקוטירן וועגן ציפערן און סטאַטיסטיקעס, מוז מען אָבער מסכים זיין מיט דעם וואָס ווערט געשריבן אינעם טעטיקייט־באַריכט פון פאַרבאַנד:

"די פּוילישע עולים אין ישראל, די איינגעזעסענע און די נייע, פאַרנעמען א גאָר בכבודיקן און בולטן אָרט אין מדינת ישראל אויף אלע געביטן פון פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן און אין אלע צווייגן פון דערווירטשאַפט".

פון די באַריכטן און באַשרייבונגען פון די 107 לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס, וועלכע פאַרנעמען 180 ז"ז פון דערמאָנטן בוך, אַנטפּלעקט זיך פאַר אונדז אן אלזייטיק, פילפאַרביק און באַלערנדיק בילד פון אַקטיוויטעטן אויף די עיקרדיקע געביטן, ווי: פאַראייביקונג אין פאַרשידענע פאָרמען, קעגנזייטיקע הילף און קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

פון אָנהייב די 60קער יאָרן ביזן אָנהייב פון די 80קער יאָרן, איז די צאָל לאַנדסמאַנשאַפטן פון פּוילישע יידן באַדייטנדיק אויסגעוואַקסן און דערגאַנגען ביז 146, וואָס זענען געווען אָנגעשלאָסן אינעם פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן, מיט איר צענטראַלע אין תל־אביב, דיזענגאָף־גאַס 158 מ'דאַרף אָננעמען, אז נאָך א 30־40 לאַנדסמאַנשאַפטן האָבן נישט געהאַט קיין אינטערעס זיך אָנצושליסן אין דער דאַך־אָרגאַניזאַציע און געפירט א זעלבשטענדיקע טעטיקייט. איצט, אין יאָר 1989, פירן נאָך א טעטיקייט א 100 לאַנדסמאַנשאַפטן, אָנגעשלאָסענע אין פאַרבאַנד. אָבער זייער צאָל פאַרקלענערט זיך כסדר. די סיבה דערפון – א ביאָלאָגישע. דער עלטערער דור איז אוועק אויפן עולם האמת און מיר שיינט, אז קיין איין לאַנדסמאַנשאַפט האָט נישט מצליח געווען צו פאַראינטערעסירן דעם צווייטן און דריטן דור ממשיך צו זיין מיט דער דאָזיקער טעטיקייט.

די לאַנדסמאַנשאַפטן־אָרגאַניזאַציעס וואָס עקזיסטירן נאָך אין ישראל, גייען ווייטער אָן מיט זייער טעטיקייט, וועלכע איז ספּעציפיש און אייגנאַרטיק נאָר פאַר די אָפּשטאַמיקע פון איין אָרט. נאָך היינט זענען פאַראַן איינצלנע לאַנדסמאַנשאַפטן, וואָס זענען אנגאַזשירט אין ארויסגעבן א יזכור־בוך וועגן זייער קהילה; וואָס טיילן אויס יערלעכע סטיפּענדיעס פאַר שילערס און סטודענטן; באַשטימען ליטעראַטור־פּרעמיעס פאַר פּען־מענטשן; שטיצן אינסטיטוציעס און אנשטאַלטן; איניציאירן דאָס אָנרופן אין די שטעט גאַסן אויף די נעמען פון די פאַרשניטענע קהילות אין אייראָפּע.

א טייל לאַנדסמאַנשאַפטן זענען לעצטנס אנגאַזשירט אין צוגרייטן ווידעאָ־פילמען וועגן זייער שטאָט און שטעטל און ברענגען ארויס די געשיכטע, אנטוויקלונג און אומקום פון יידישן ישוב אין געגעבענעם אָרט.

סיי לויט דער צאָל, ווי לויט דעם געזעלשאַפטלעכן אַקטיוו, זענען די לאַנדסמאַנשאַפטן נאָך אלץ א וואָגיקער כוח אין ישראל, ווי אין די תפוצות. נאָר צום באַדויערן – אין א פּראָצעס פון סטאַגנאַציע און... ליקווידאַציע. די צוויי צענדליק דאַך־אָרגאַניזאַציעס פון אָפּשטאַמיקע פון פאַרשידענע לענדער, אויסער די איבער 100 אָנגעשלאָסענע לאַנדסמאַנשאַפטן אינעם פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן, ראַנגלען זיך איצט פאַר אויפהאַלטן די אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַמען, כל זמן דאָס איז נאָך מעגלעך. דערוויל זעט זיך נישט פאָר קיין

(המשך אויף ז' 20)

# נחת פון לובלינער

## אדאם געלדמאַן

היי־יאָר איז אין תל־אביב דערשינען א בוך פון אונדזער בן־עיר, וואָס וווינט אין סאַן־פראַנציסקאָ. ער איז אין יאָר 1988 געקומען פון רוסלאַנד אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אין די לעצטע 3 יאָר, זענען אין א ריי צייטונגען אין ישראל, ניו־יאָרק און סאַן־פראַנציסקאָ דערשינען איבער 50 אַרטיקלען, זיינע זכרונות און דערציילונגען וועגן יידישן לעבן בכלל און פון דער יידישער לובלין בפרט. אויך אין אונדזער "קול לובלין" האָט ער דערציילט וועגן זיינעם א באַזוך אין דער אַלטער היים, מיט 2 יאָר צוריק.



**אברהם געלדמאַן פון סאַן־פראַנציסקאָ (דער ערשטער רעכטס) אויף אַן אויפנאַמע אין דער וווינונג פון שלמה מושקאַט.**
**אברהן גלדמן (הראשון מימין) בקבלת פנים בביתו של שלמה מושקאט**

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז אדאם געלדמאַן איז אויך דער מחבר פון א פיין ביכל אין דער רוסישער שפּראַך "יעווריעיסקיע פּראַזדניקי" (יידישע יום־טובים) — "די יום־טובים פון מיין קינדהייט און אַנדערע דערציילונגען". אויף 180 ז"ז געפינען מיר 15 האַרציקע דערציילונגען פון אַלע וויכטיקע רעליגיעזע יום־טובים, ווי אַזוי מ'האָט זיי געפייערט אין לובלין און ווי זיי זענען געבליבן אין זכרון פון מחבר.

א. געלדמאַן שרייבט מיר אין א בריוו, אַז זיין דערציילונג וועגן פּורים האָט ער אין יאָר 1990 געשיקט קיין ניו־יאָרק פון דער זעלבער היים אין לובלין, ווו ער האָט מיט דער משפחה געפייערט דעם יום־טוב אין יאָר 1939. אין א ניו־יאָרקער צייטונג איז אויך דערשינען זיין אַרטיקל וועגן יאַנוש קאָרטשאַק.

מיר באַגריסן אונדזער בן־עיר מיט זיין ליטעראַריש־פּובליציסטישער טעטיקייט און ווינטשן אים ווייטערדיקע הצלחה.

**ד.ש.**

**Адам ГЕЛЬДМАН**

### ЕВРЕЙСКИЕ ПРАЗДНИКИ
Праздники моего детства
и другие рассказы

Издательство "АЛЕФ"
Типография "ЭФИ"
Тель-Авив 1992

© Copyright by A. Geldman

**Adam Geldman**

### JEWISH HOLIDAYS
"My Childhood Holidays"
and other stories

ALEF Publishers
EFFI PRINTERS

Tel-Aviv 1992
© Copyright by A. Geldman

### СОДЕРЖАНИЕ

Праздники моего детства 7
Рош-ха-Шана – еврейский Новый год 11
Йом-Кипур 23
Праздник кущей 35
Ханука моего детства 45
15 Шват – День рождения деревьев 57
Здесь я когда-то праздновал Пурим 65
«Что отличает эту ночь от других ночей?» 75
Это было в дни Бар Кохбы (Лаг б'омер) 87
Праздник семи недель (Шавуот) 95
День печали – день надежды (Девятое Ава) 107
Последний седер в Варшавском гетто 121
Мать Израиля (библейская Двора) 133
Сердце, угасшее в схватке с врагами... 141
Побег из эшелона 153
Возвращение шедевра (о кинофильме «Диббук») 165

**שערבלאַט פון אברהם געלדמאַנס בוך (אין רוסיש) "יידישע יום־טובים"**
**שער הספר (ברוסית) של אברהם גלדמן מסן־פראנציסקו "החגים היהודיים"**

# מיין פריינד משה זאַלצמאַן

## מענדל ווייסמאַן / קאָפּענהאַגען

אין דער תל־אביבער צייטונג ״ישראל־שטימע״ האָב איך איבערגעלייענט א זייער װאַרעמע באַגריסונג פון די רעדאַקטאָרן צו זייער פריינד משה זאַלצמאַן פון פּאַריז, אַז ״זיי נעמען אים אַריין אין קלוב פון די עלטער־זיידעס״. נאָר מיר ווילט זיך זאָגן ביי דער געלעגנהייט: משה זאַלצמאַן און זיין איינפלוס אויף מיין לעבן. עס קלינגט אפשר באַנאַל, אפשר אויך ווי א לויב־געזאַנג, אָבער אַזוי איז עס, אַזא איז מיין געפיל.

איך ווייס, אַז משה זאַלצמאַן האָט א סך פריינד אין פּאַריז, אין ישראל און אין אַנדערע לענדער, וואָס קענען אים בעסער פון מיר און ווייסן פיל מערער וועגן אים ווי איך. ס׳וועט אָבער זיין אינטערעסאַנט פאַר די לייענערס פון ״קול לובלין״ צו דערוויסן זיך וועגן א פריינטשאַפט פון מענטשן, וואָס האָבן זיך נאָך נישט באַגעגנט און וועגן מיין באַציאונג צו דעם ״פענאָמען״ וואָס הייסט משה זאַלצמאַן. וועגן נאָענטע און וויכטיקע מענטשן שרייבט מען, בדרך כלל ביי א ״קיילעכיקער״ געבורט־דאַטע, אָדער חלילה, ווען דער מענטש גייט אַוועק אין דער אייביקייט. איך מיין, אַז וועגן אַזעלכע מענטשן איז געוווּנטשענער צו שרייבן ביים לעבן, ווען זיי ווירקן און זענען אַקטיוו. זאָלן זיי וויסן, וואָס אַנדערע טראַכטן וועגן זיי ביים לעבן, ווען זיי פילן זיך נאָך, ווי משה שרייבט, ״בסדר״.

מיר ווילט זיך שטאַרק דערציילן וועגן א נאָענטן פריינד, הגם, ווי געזאָגט, איך האָב אים נאָך קיין איין מאָל נישט באַגעגנט. אונדזער באַקאַנטשאַפט און שפּעטערדיקע פריינדשאַפט האָט זיך אָנגעהויבן צופעליק, פּאַקטיש – דורכן לייענען זיינע ביכער. אין האָב דעמאָלט געוווינט אין א פּראָווינץ־שטאָט אין דענעמאַרק און די אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק ווו כ׳האָב געאַרבעט, האָט געקויפט זיין בוך ״...און מען האָט מיך רעהאַבילטירט״, אין דער דייטשישער איבערזעצונג. מ׳האָט דאָרט רעקאָמענדירט דעם ספר ווי א וויכטיק בוך צו דערלערנען די געשיכטע פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. איך האָב דאָס בוך איבערגעלייענט מיט א פאַרכאַפּטן אָטעם, הגם מיר איז נאָך פריער געווען באַקאַנט די דאָזיקע ליטעראַטור – טאָ וואָס נאָך לאָזט זיך זאָגן אויף דער טעמע? דאָך האָט דאָס בוך געמאַכט א זייער שטאַרקן איינדרוק אויף מיר און מיינע דענישע פריינד. לייענענדיק דאָס בוך, זעט מען דעם מענטש משה זאַלצמאַן, וואָס האָט איבערגעלעבט א פּערזענלעכע טראַגעדיע, ווייל אים איז דאָך אָפּגעשטאָרבן א וועלט, פאַר וועלכער ער האָט געקעמפט און געווידמעט זיין לעבן. ער איז אָבער נישט פאַרביטערט, נישט פאַרלוירן דעם גלויבן אין מענטש און אַפילו ווען ער האָט זיך געפונען צווישן אוממענטשן און אויסוואָרפן, האָט ער ביי זיי געזוכט מענטשלעכע געפילן. ער בעט נישט קיין נקמה, נאָר וויל דעמאַסקירן און אויך פאַרשטיין. זיין אופן פון שרייבן איז גאָר אַנדערש ווי ביי די אַנדערע מחברים פון די ״גולאַג־ראָמאַנען״. ביי זאַלצמאַנען איז עס מער פּערזענלעך, מער מענטשלעך, אָן פּאַטאָס און שאַבלאָן.

פאַר מיר איז זיין בוך געווען אויך וויכטיק און פּראַקטיש, פון וועלכן איך האָב געקענט ענטפערן אויף זייער אָפטע פראַגן פון מיינע פריינד: ווי אַזוי איז געשען, אַז די יידישע יוגנט פון אַלע שיכטן, האָט זיך אַזוי אַקטיוו באַטייליקט אין די קאָמוניסטישע רייען? נאָר אַזעלכע קריטישע און אַנאַליטישע שילדערונגען פון אייגענער דערפאַרונג, און אָן ״וואַסער״, זענען דער בעסטער און סאָלידער ענטפער אויף די פראַגן. און דאָס איז זיכער דער פאַרדינסט פון משה זאַלצמאַנס דערמאָנטן בוך, וואָס איז דערשינען אין יידיש און געוואָרן איבערזעצט אויף עברית, פראַנצויזיש, דייטש.

אונטערן איינדרוק פונעם דורכגעלייענטן בוך זיינעם, האָב איך אים אָנגעשריבן א בריוו און גלייך צוריק באַקומען א וואונדערבאַרן, האַרציקן ענטפער. פון דעמאָלט האָט זיך אָנגעהויבן אונדזער פריינדשאַפט! פאַרשטייט זיך, אַז דערנאָך האָב איך איבערגעלייענט זיינע אַנדערע ביכער: ״יוסף עפּשטיין, דער העראָאישער יידישער פרייהייט־קאַמפער״; ״מענטשן און געשעענישן״. אויף מיר, א זון פון א לובלינער בונדישן טוער און קרבן פון סטאַליניזם, האָט געמאַכט א באַזונדערן איינדרוק דער פאַקט, אַז ער, משה זאַלצמאַן, דער געוועזענער קאָמוניסט, האָט אָנגעשריבן אויף יידיש א בוך וועגן דער טראַגיש אומגעקומענער בונדישער טוערין פון לובלין, בעלא שאַפּיראָ (וואָס איז אויך דערשינען אין פראַנצויזיש). ס׳איז פאַר מיר געווען א באַזונדערע פרייד, ווען איך האָב געלייענט, אַז אויף א צוזאַמענטרעף פונעם יידיש־קולטור קלוב אין ביעלאַיאַ צערקאָוו (אוקראַינע) האָט מען באַהאַנדלט משה זאַלצמאַנס בוך ״און מען האָט מיך רעהאַבילטירט״.

אָבער נישט וועגן זיינע ביכער וויל איך דאָ שרייבן. דאָס האָבן שוין געטאָן אַנדערע און בעסערע פון מיר. אין די לעצטע עטלעכע יאָר האָב איך פון אים באַקומען א 50 בריוו און א דאַנק זיי־האָב איך ערשט ריכטיק פאַרשטאַנען דעם טייערן מענטש און וואַרעמען ייד משה זאַלצמאַן. זיינע בריוו זענען זייער פּערזענלעכע. א טייל פון זיי האָב איך איבערגעזעצט אויף דעניש און פּויליש, געוויזן און אויך פאָרגעלייענט פאַר מיין זון, דעם יונגן אַקאַדעמיקער. מיין זון און אַנדערע איז שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי קאָן א מענטש, אָן אוניווערסיטעט־בילדונג, א יידישע שניידער־אַרבעטער פאַרמאָגן אַזא רייכן וויסן און אַנאַליטישן געדאַנק. ענטפערנדיק אויף מיינע פראַגן, באַרירט זאַלצמאַן ענינים פון פילאָזאָפיע, קולטור, עסטעטיק און לינגוויסטיק, יידישע און אַלגעמיינע געשיכטע. ער ציטירט באַרימטע פּערזענלעכקייטן, געלערנטע און פּען־מענטשן. איך האָב פון אים געלערנט זייער א סך, נאָר ער ווערט אויף מיר אין כעס, ווען איך רוף אים (אין א בריוו) ״לערער״.

איך פאַרשטיי, פון וואַנען האָט זיך גענומען צו מיין פריינד אַזוי פיל. ער האָט דאָך איבערגעלייענט א וועלט מיט ביכער, געטראָפן זיך מיט אַזוי פיל אינטערעסאַנטע מענטשן און וויפל צייט און מי אים האָט געקאָסט צו דערגרייכן דאָס וואָס מאַקסים גאָרקי האָט באַצייכנט אַלס ״מיינע אוניווערסיטעטן״. אָבער משה זאַלצמאַנס ״אוניווערסיטעטן״ זענען געווען די גאַסן און געסלעך פון דער שטאָט זאַמאָשטש, די תפיסה־קאַמערן אין פּוילן און די גולאַג־קאַזעמאַטן אין ראַטן־פאַרבאַנד. מיר זענען באַקאַנט אייניקע געוו. אַקטיווע יידישע קאָמוניסטן, וואָס באַהאַלטן אויס זייער אַמאָליקע אָנגעהעריקייט צו דער באַוועגונג און אויך אַנדערע, וואָס פאַרטיידיקן זי נאָך אַלץ מיט שוים אויף די ליפּן און ווילן נישט אָנערקענען דעם באַנקראָט פון דער פאַלשער אידעאָלאָגיע. נאָר משה זאַלצמאַן איז ווייטער געבליבן דער זעלבער אויפריכטיקער סאָציאַליסט וואָס גלויבט, אַז דער קאַפּיטאַליזם אין זיין מאָדערנער אויפלאַגע וועט קיינמאָל נישט לייזן די היינטצייטיקע פּראָבלעמען און אַז די צוקונפט געהערט דעם דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם. ער איז אָבער קודם כל א וואַרעמער, נאַציאָנאַלער ייד און סימפּאַטיזירט מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין ישראל, און דער עיקר – מיט מפּם. נאָר פון זיינע בריוו לייען איך תמיד

# פאַרטיילט די לייב מלאך־פּרעמיע

## די צוויי לאַורעאַטן: פּיִיוול זיגלבוים און דוד שטאָקפיש

אין בית ראשוני פועלי־ציון אין תל־אביב, איז פאָרגעקומען די פייערלעכע דריטע און פערטע פאַרטיילונג פונעם "לייב מלאך פרייז", אין שייכות מיט דעם 55־סטן יאָרצייט פונעם באַקאַנטן פראָזאיקער, דיכטער און דראַמאַטורג לייב מלאך ז"ל.

די פּרעמיע איז עטאַבלירט געוואָרן דורך דער אַלמנה פונעם פריצייטיק פאַרשטאָרבענעם שרייבער, פרוי לאָטי מלאך (לאָס־אַנדזשעלעס).

די פּרעמירטע זענען: דער באַקאַנטער שרייבער און קריטיקער פּיִיוול זיגלבוים און דער באַקאַנטער זשורנאַליסט און רעדאַקטאָר פון דער צייטשריפט "ישראל שטימע" דוד שטאָקפיש.

חיים פינקלשטיין האָט רעפערירט אויף דער טעמע: "לייב מלאך – דער קעמפער און פּען־מענטש".

וועגן די צוויי לאַורעאַטן האָט רעפערירט דער דיכטער יעקב־צבי שאַרגעל.

די פּרעמירטע האָבן געהאַלטן ענטפער־רעדעס.

די פּרעמיעס זענען צוגעטיילט געוואָרן דורך דעם דיכטערס זון בר־כוכבא מלאך, אַ תושב פון ישראל.

דעם פאָרזיץ האָט געפירט חנן פּאָזניאַק. אין אַרטיסטישן טייל האָבן זיך באַטייליקט – שמעון פינקל פון הבימה־טעאַטער, רחלי גלאַי (טשעלאָ), דניאל גלאַי (פּיאַנאָ).

דאָס וואָרט פון דיכטער י.צ. שאַרגעל:

אין לאָס־אַנדזשעלעס וווינט שוין יאָרן לאַנג די יידישע שרײַבערין לאָטי פידלער־מלאך. און עס אַרט איר זייער שטאַרק, וואָס יידישע שעפערישע מענטשן ווערן ביי אונדז פאַרגעסן, האָט זי, אויף אירע עלטערע יאָרן באַשלאָסן צו גרינדן אַ פאָנד אויף צו באַלוינען דורך אים יעדן יאָר אַן אַנדערן יידישן שרײַבער, און אָט דער פאָנד זאָל טראָגן אויף זיך דעם נאָמען פון לייב מלאך, דעם שפעדיקן, גרויס־טאַלאַנטירטן פאַרשידן זשאַנערדיקן שרייבער.

די ערשטע צוטיילונג איז פאָרגעקומען מיט אַ צוויי יאָר קעריק פאַרן ערשטן פּאָרל: יוסף פּאַפּיערניקאָוו און מײַן ווייניקייט און די איצטיקע צוטיילונג איז ווידער פאַר צוויי, פּיִיוול זיגלבוים און דוד שטאָקפיש. איז מיר צוגעטיילט געוואַרן דער כבוד פאָרצושטעלן, באילו, פאַר אײַך די דאָזיקע צוויי לאַורעאַטן, כדי איר זאַלט וויסן ווער זענען זיי אָט די צוויי פּאַרשוינען, און מיט וואָס האָבן זיי דערצו זוכה געווען. טו איך דאָס מיט גרויס צופרידנקייט און אָפּשאַץ:

וועגן דעם לאורעאט דוד שטאָקפיש:

...פון דאַנען קומען מיר צום צווייטן לאַורעאַט דוד שטאָקפיש. דאָ לייכט אויף אַן אַנדערער בלאַט אין דער יידישער ליטעראַרישער יצירה, ווייל הגם דוד שטאָקפיש איז נישט קיין טעאַטראַל, און איז אויך נישט קיין פּראָזאַיקער, איז אָבער דערפאַר זיין פובליציסטישע מוזע אַ געבענטשטע מיט רײַכקייט, אַ געראָטענע אין פאַרנעם, אַ פאַרשידנמיניקע אין טעמעס, וואָס נישט יעדער פובליציסט איז דערצו זוכה.

אויב מיר זאָלן אויסרעכענען זיינע אַלע לאַנגיאָריקע רעדאַקציאָנעלע אַרבעטן און די פאַרשידנאַרטיקע פאַר־טייאיש־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן, אַריינרעכענענדיק אויך זיינע רעדעס און רעפעראַטן אויף פאַרשידענע טעמעס, וואָלט דאָס אליין גענוג געווען אויף צו באַפרייזן אים מיט פרייזן. איז אָבער דוד שטאָקפיש אַ מאַן פון אַ רײַכן שרײַבעריש־פובליציסטישן פאַרמעג, וואָס לאָזט זיך נישט איינרעמען אין אַ מאָטיוון־ברכה, וועלן מיר אַרויסבולטן דאָס וויכטיקסטע: קודם כל זיין אומפאַרגלײַכלעך בוך, וואָס טראָגט אויף זיך דעם אָנזאָגעוודיקן נאָמען "אין גאַנג פון געשעעניש", וואָס אַזאַ בוך אליין איז אַ געשעעניש...

דאָס דאָזיקע בוך שטאָקפישס האַלט קנאַפּע אַכט הונדערט זײַטן! עס נעמט אריין אין זיך 260 אַרטיקלען, רעפּאָרטאַזשן און רעצענזיעס, און ס'איז געטיילט אויף זיבן טיילן. איז אויב מיר וועלן בלויז דערמאָנען די טיטולן מיט וועלכע אונדזער מחבר טיטולירט אָט די זיבן טיילן, וועלן מיר פאַר זיך דערזען אַ בוך, וואָס האָט אין זיך אַן עולם־ומלואודיקן אינהאַלט: 1) ישראל, אירע שכנים און די וועלט. 2) אומקום, גבורה, צווייטע וועלט־מלחמה 3) מיט יידן אין די תפוצות. 4) אַ חשבון מיט מאָסקווע. 5) אויף ציוניסטישע און פאַרטייִישע טעמעס. 6) קולטור־פראַגן, שרײַבער, ביכער, און 7) מײַן היימשטאָט לובלין און אנדערע יישובים. אז מיר וועלן זיך גוט איינקוקן, באַטראַכטן מיט האַרץ און מיט מוח אָט די טעמעס, וועלן מיר אָן מי און אָנשטרענג דערזען, אז נישט נאָר זשורנאַליסטישער עספּרי און איינפאַל שטעקט אין אָט די זיבן אָפּטיילן, נײַערט ערנסט, בלוטיקער ערנסט פון אַ היינטצײַטיקן ייד, שרייבער, פובליציסט, וואָס טוט נישט זיין מלאכה לייכט און אויבאַנאויפיק, נײַערט פילט־מיט, לעבט־איבער אָט די אַלע אָנגעווייטיקטע פראַגעס, פּראָבלעמען, געשעענישן. אָפטמאָל שטעלט ער זיך אוועק ווי אין שפּיץ פון אַ באַריקאַדע מיט אַ טראַנספּעראַנט אין די הענט, און שרײַט אויס צו אונדז און צו דער וועלט: "זעט וואָס איר טוט! קוקט ווי איר גייט!, ווי ער וואָלט דערביי נאָכזאָגן דעם זאָג פונעם אומפאַרגעסלעכן הלל הזקן: אם אין אני לי, מי לי? אויב נישט איך וועל עס טון, ווער זשע דען? און מיר איבערצײַגן זיך, אז דער פובליציסט אונדזערער פילט דאָס דאָזיקע שרײַבן זײַנס ווי אַ חוב, ווי אַ הייליקער חוב וואָס די השגחה האָט אויף אים אַרויפגעלייגט.

און אז מירן נאָך צוגעבן צו דעם זיינע איבערזעצונגען, ווי "די זעקס טעג פון יד מרדכי" פון מאַרגאַרעט לאַרקין; "דער פּראַגער אַרעסטאַנט דערציילט" פון מרדכי אורן, און אַ העלפט פונעם בוך "שיח לוחמים", און דערצו צוגעבן די אָן־אַ־שיעור מאמרים וואָס ער זעצט איבער פאַר דער מפ"ם־צייטונג אין יידיש – "ישראל שטימע", זינט ער רעדאַגירט אָט די צייטונג, וועט נישט יעדער זשורנאַליסט אים קאָנען איבערשטײַגן און לאָמיר נישט פאַרגעסן, אז דוד שטאָקפיש האָט אויך רעדאַגירט, געגעבן לשון און צורה צענדליקער יזכור־ביכער פון אָרטשאַפטן און פון פּריוואַטע איבערלעבונגען דערציילערס, און טייל פון זיי אויך איבערגעגאָסן פון אנדערע לשונות – וועט נאָך דעם אלעם אונדז שוין לגמרי נישט שווער זיין צו באַנעמען, פאַר וואָס אונדזער שטאָקפיש איז ווערט און ווערט באַערט צו ווערן מיטן מלאך־פּרייז.

("נייע צייטונג", תל־אביב, 21.4.92)

ארויס אויך טאָלעראַנץ און פאַרשטענדעניש פאַר אַנדערע מיינונגען.

דאָס לעבן פון משה זאלצמאַן, וואָס איז אויך סעקרעטאַר פון די פאַראייניקטע לובלינער אָרגאַניזאַציעס אין פּאַריז, גיט אַ סך אָפּטימיזם און האָפענונג, אַז מ'קאָן זיין נאָך די 80 און דאָך ממשיך זיין מיט שעפערישקייט, אַקטיוויקייט, וואָס מיינט: פאַראַן אַ האָפענונג, ס'איז ווערט צו לעבן! לאָמיר ווינטשן דעם ליבן ייד און מענטש, משה זאלצמאַן, "אָן אַ געלעגנהייט" – נאָך לאַנגע, שעפערישע יאָרן און געזונט, ווי אויך נחת פון אוראייניקל.

# "אלבום לובלין"

**הופיע**

## "אלבום לובלין"

בעריכתו של

**ד"ר נתן בן־טובים**

את הספר אפשר לרכוש:

בימים א' 29.11, ב' 30.11 ו־ג' 1.12, בשעות 8-6 בערב, אצל **דר' בן־טובים**, רמת־גן, פני הגבעה 16 (בסביבת "רמה"), טל' 7524551 ובערב האזכרה

מחיר הספר: 50 ש"ח

בחוץ־לארץ: 30 דולאר כולל משלוח.

מספר עותקים מוגבל


אנו מביאים את ההקדמות לאלבום

### הקדמה

אשרַי שזכיתי לערוך ולהוציא לאור את "אלבום לובלין". משימת קודש זו לא הייתה קלה כל עיקר, מבחינה חמרית ונפשית גם יחד. עשיתי את העבודה בדחילו ורחימו. אינני יודע אם הצלחתי לבצעה על הצד הטוב ביותר בכל הפרטים, אחרים ידונו, עשיתי כמיטב יכולתי.

היו בעיות, ואחת הקשות התעוררה בקשר עם מדור "יזכור". התמונות נמסרו ע"י קרובי הקדושים, אולם לא תמיד היו הקרובים בטוחים לגמרי לגבי זהותם או גורלם של האנשים שבתמונות. תמונות כאלו לא התקבלו. עם זאת היו מקרי גבולין מסופקים שלגביהם צריך היה להחליט לכאן או לכאן, תוך התלבטות לא מעטה. אם הייתה פה ושם החלטה שגוייה, יש להצטער על כך ועם הנוגעים בדבר הסליחה.

מאידך שאבתי סיפוק ועידוד רב מהברכות הנרגשות שהגיעו מקרובים אסירי תודה שיקיריהם הוכנסו לאלבום.

אני מודה לאירגון יוצאי לובלין על התמיכה ברעיון והעידוד, והעזרה בפרסום המשימה בין יוצאי־לובלין בארץ ובחו"ל.

יהיה רצון שהאלבום ימלא את שליחותו בקרב בני־עירנו ויתרום את חלקו בהנצחת זכר קהילה קדושה לובלין.

**ד"ר נתן בן־טובים**

### הקדמה

הופעת "אלבום לובלין" נתאפשרה הודות לשתי יוזמות. ד"ר נתן בן־טובים הגה את הרעיון לפני מספר שנים ודבק בו עד להגשמתו. ד"ר אלחנן הורוביץ הציע באחת הישיבות של ועד אירגון יוצאי לובלין לממן את ההוצאה לאור מכספי הקרן ע"ש בלה דובז'ינסקה ז"ל, בהסכמת ד"ר בן־טובים בנה שהקדיש את הקרן, והצעתו נתקבלה.

ידוע לכל הלובלינאים שבלה דובז'ינסקה הייתה הרוח החיה של התנועה הציונית בלובלין ורבת פעלים – השפעתה הברוכה נמשכת עד היום ועוזרת ללובלינאים בימינו להנציח את עירם.

האלבום, המכיל 157 עמודים וקרוב ל־600 תמונות, נותן תמונה מקיפה של העיר היהודית, אישיה, המוסדות, המפלגות והאירגונים השונים שלה וכו', ומשקף את הפעילות הרבה התוססת שהייתה בשטחי החיים השונים של העיר. מדור מיוחד מוקדש לקדושי לובלין, קורבנות השואה.

אין ספק ש"אלבום לובלין" הוא ציון דרך בהנצחת עירנו. אני מביע משאלה – תקווה שיוצאי לובלין יעריכו נכונה את הפרסום החשוב הזה ויאמצו אותו, ו"אלבום לובלין" ימצא בכל בית לובלינאי.

מחיר האלבום מוזל וכל ההכנסה תוחזר לקרן (פרט לסכום שיוקצב למימון "קול לובלין").

יבוא על הברכה ד"ר נתן בן־טובים ידידנו שזיכנו בהישג זה הודות לעבודת־נמלים ומסירות רבה במילוי המשימה.

**מתתיהו הורן**
יו"ר אירגון יוצאי לובלין

**התוכן**


| | |
|---|---|
| העיר היהודית | 1 |
| בתי־כנסת | 15 |
| הישיבה | 21 |
| רבנים ואדמו"רים | 29 |
| בתי־ספר | 35 |
| אישים | 43 |
| מוסדות | 65 |
| אירגונים | 69 |
| קבוצות | 85 |
| אורחים ואירועים | 89 |
| ספרים | 95 |
| מצבות | 103 |
| יזכור | 109 |
| אנדרטות | 142 |
| מצבת זכרון | 143 |
| מפתח | 145 |


## לאנדסמאנשאפטן אין ישראל

**(סוף פון ז' 16)**

יורשים, צי אן אנטשפרעכיקע ירושה־איבערווייזונג פון די געלטער, מיט וועלכע עם דיספאָנירן נאָך די געזעלשאפטן.

א באנייטע איניציאטיוו פאר המשכדיקייט פון די טעטיקייטן פון די לאנדסמאנשאפטן, אויך צום סוף פון איצטיקן יאָרהונדערט, וועט נישט לאָזן פארגעסן די פארגאנגענהייט, נאָר אויך געבן אינספיראציע פאר דער צוקונפט.

**("ארגענטינער "ייוואָ־שריפטן" נומ' 15, בוענאָס־איירעס, 1989)**

* א.ג. פון פוילנס דעמאָלטדיקן פינאנס־מיניסטער גראבסקי, וועמענס שטייערן־פאָליטיק האָט שטארק געדריקט אויף דער יידישער באפעלקערונג און גרויסע טיילן אירע באוויגן צו עמיגרירן, אָדער עולה זיין קיין ארץ־ישראל.

teatrnn.pl

# אין היינטיקן לובלין

## מאָניש איזראעלעוויטש

### אַ גוט יאָר!

שנה־טובה, אַ גוט יאָר! האָבן זיך געווינטשן די פאַרזאַמלטע מיטגלידער פון אונדזער פאַרבאַנד־קרייז אין לובלין.

ביי געדעקטע טישן מיט אַ גלעזל טיי, קאַווע און אַ צובייסן, ווי אויך אביסל זיסוואַרג, האָט די פאָרזיצערין פרוי וואַנדאַ לאַטטער פאָרגעלייענט דעם ווונטש פון ישראל־פרעמיער יצחק שמיר, וועלכן די הויפּט־פאַרוואַלטונג האָט באַקומען פון דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין וואַרשע און אַרויסגערופן גרויס פאַראינטערעסירונג ביי די פאַרזאַמלטע.

די סעקרעטאַרין פרוי לובא מאַטראַשעק האָט אין נאָמען פון דער הויפּט – פאַרוואַלטונג, ווי אויך פון דער אָרטיקער פאַרוואַלטונג געווונטשן אַלע יידן אין דער וועלט אַ גוט יאָר מיט געזונט און שלום.

די אַטמאָספער איז געווען אַ פריילעכע, פאַמיליאַרע, מיט געזאַנג און אויפגעשפּילטע אויף אַ מאַגנעטאָפאָן לידער, רעליגיעזע און פון דעם אַקטיוויסט ליטמאַן ראָמאַן. גלייכצייטיק האָט מען באַגריסט צוויי מיטגלידערינס צו זייער געבוירן־טאָג, ווי אויך פרוי צעלינאַ ווישינסקאַ צו איר אָפּפאָר קיין ישראל און געדאַנקט פאַר דעם האַרציקן, יום – טובדיקן פאַרברענגען די עטלעכע שעה. דער עולם איז געווען שטאַרק צופרידן. מען האָט אַלעמען געווונטשן אַ גוט יאָר.

### די כוליגאַנעם אָרודעווען אומבאַשטראָפט

ערב די חגאות, האָבן "אומבאַקאַנטע פאַרשווינען" פאַרשמירט אין לובלין דעם געשטעלטן אין 1987סטן יאָר דענקמאָל ביים הויפּט־אַריינגאַנג אין "זאַמעק", דעם טאָוול אין יידיש און אין פּויליש, וואָס שטעלט פאָר דעם פּלאַן פון די גאַסן, אויף וועלכע עס האָבן ביזן 1939־סטן יאָר געלעבט יידן אויף די גאַסן שעראָקע, זאַמקאָווע, קראַוויעצקע, פּאָדזאַמטשע א״אנד.

דאָס סאַמע טרויעריקסטע איז דער פאַקט, וואָס דאָס איז נישט קיין פאַראיינצלטער כוליגאַנישער אַקט אין די לעצטע עטלעכע יאָר.

זינט דעם יאָר 1988, זענען פאָרגעקומען פיר אַזעלכע פאַלן אויפן אַלטן יידישן בית־עולם. עס זענען געשענדעט געוואָרן 37 מצבות. מען דאַרף נעמען אין אַכט, אַז דער בית־עולם איז שוין אַלט 450 יאָר (1541), דאָרטן האָט מען קובר געווען באַרימטע יידישע געלערנטע, לומדים, רבנים, דאָקטוירים און פיל אַנדערע פאַרדינסטפולע יידן. אין די יאָרן 1986־1987 איז דער בית־עולם געוואָרן רעסטאַווירט דורך דער געזעלשאַפט "אויפזיכט איבער די דענקמעלער פון דער יידישער קולטור אין לובלין".

אין אויגוסט 1989 האָבן אין דער איינציק ניצול־געוואָרענער שול און אין דעם "אָנדענק־צימער" אין לובלין, אויף לובאַרטאַווסקע 10 "אומבאַקאַנטע פאַרשווינען" אויסגעהאַקט די שויבן. אין מאַי 1991 זענען אָנגעמאָלן געוואָרן האַקנקרייצן מיט אָרדינאַרע אויפשריפטן אויפן דענקמאָל, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן אין 1963 לכבוד די דערמאָרדעטע יידן אין לובלין.

די שולדיקע האָט מען, לײדער, ביז איצט נישט געפונען! צי האָבן מיר נישט צופיל אַזעלנע שענדלעכע טאַטן פאַר איין לובלין, ווו די היטלעריסטן האָבן דערמאָרדעט העכער 40 טויזנט יידן? צי איז נישט די העכסטע צייט, אַז די אַנטשפּרעכיקע מאַכט־אָרגאַנען זאָלן מער ענערגישער זיך פאַרנעמען מיט אויסזוכן און באַשטראָפן די וואַנדאַלן, וועלכע צעשטערן מיט אַזאַ עקשנות די רעשטלעך פון די דענקמעלער פון דער יידישער קולטור אין לובלין? מיט פּיעטעט און פיל כוחות באַמיען מיר זיך צו פאַרהיטן און באַשיצן דאָס אַלץ, וואַס איז נאָך פאַרבליבן פון די דערמאָרדעטע יידן אין לובלין. מיר מוזן דאָס אַלץ אָפּהיטן קעגן דעוואַסטאַציעס און צעשטערונגען. מיר טוען דאָס מיטן געדאַנק וועגן די אומגעקומענע לובלינער יידן.

### א שיינע אונטערנעמונג אין לובלין

א פייערלעכער ערב־שבת האָבן מיר געהאַט דעם 13טן דעצעמבער, ווען צו אונדז איז געקומען די אַרטיסטן־בריגאַדע פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין וואַרשע, אונטער דער לייטונג פון אַרטור האָפּמאַן. די בריגאַדע האָט אויפגעפירט פראַגמענטן פון דער קאָמעדיע "דער גן־עדן" (לויטן בוך פון איציק מאַנגער), אין דער רעזשי און אַדאַפּטאַציע פון אַרטור האָפּמאַן. אויפן פּאָדיום באַווייז זיך, ווי א צווילינג, אונדזער ליבלינג עטעלע שייַן און דאָראָטע לעבוועדזש מיט שטראַלנדיקע קינדערישע פּנימלעך און יידישע היטעלעך. זיי הייבן אָן א דיסקוסיע וועגן דעם, וואָס קומט פאָר אין גן־עדן – און רופט אַרויס פיל הייטערקייט ביי די צושויער. אויפן פּאָדיום באַווייזט זיך דער מלאך המות אין א שוואַרצער באַקליידונג און שרעקט מיטן גיהנום. באַלד דערנאָך טרעט אויף דוד המלך מיט זיין באַשערטער (הענריק רייפּער און יאָאַננאַ האָפּמאַן). זייער דועט רופט אַרויס פיל געלעכטער. מיר זעען די באָבעניו, די כישופמאַכערין ביים לייגן קאָרטן, וואָס רופט אַרויס "לא תגנוב". דער אַרויסטריט איז געווען פיל מיט הומאָר, די אַרטיסטן זענען באַשאָנקען געוואָרן מיט וואַרעמע אַפּלאָדיסמענטן.

דער אַרויסטריט איז פאָרגעקומען אין אַקאַדעמישן הויז, ווייל דער לאָקאַל פון אונדזער קולטור־פאַרבאַנד איז אין רעמאָנט.

### אימפּרעזע, געווידמעט די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן

די פּראַגע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן רופט לעצטנס אַרויס גרויס פאַראינטערעסירונג אין די וויסנשאַפט־קרייזן אין לובלין. איז דאָך לובלין דער גרעסטער קולטור־צענטער אין מזרח־פּוילן. דאָ זענען לעצטנס פאָרגעקומען קולטור־אימפּרעזן. די ערשטע האָט אָרגאַניזירט די אַנטשטאַנענע קולטור־גאַלעריע, וועלכע איז א טייל פון טעאַטער. זייער ציל איז צו באַזייטיקן דעם אַנטאַגאָניזם צווישן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, פאַרשטייט זיך אויך מיט דער יידישער, דורך פּרעזענטירן דערגרייכונגען פון די אַרטיסטישע אַנסאַמבלען און זייער קולטור. די גאַלעריע פּלאַנירט א ברייטע אויסשטעלונג: "די לובלינער יידן".

די ערשטע קולטור־אימפּרעזע איז געווען א טעאַטער־פאָרשטעלונג "די ערדישע דערנערונג", לויט דער שאַפונג פונעם באַוווסטן יידיש־ליטווישן שרייבער גריגאָרי קאַנאָוויטש. די פאָרשטעלונג האָט אַרויסגערופן גרויס פאַראינטערעסירונג צווישן דער אַקאַדעמישער יוגנט, צוליב דעם פּערזענלעכן אַנטייל פונעם שרייבער.

אויף צוזאַמענגנס איז פאָרגעקומען א טרעפונג מיטן אויטאָר גריגאָרי קאַנאָוויטש, וואָס האָט אויף א פּשוטן און הומאָרפולן אופן דערציילט וועגן זיין לעבנס־וועג, וועגן זיין משפחה און וועגן דעם גורל פון די ליטווישע יידן. דער שרייבער האָט באַזונדער אַקצענטירט זיין

יידישן אָפּשטאַם, אונטערשטרייכנדיק די וויכטיקע אויפגאַבע פונעם יידישן שרייבער אין דער דיאַספּאָרע. די דיסקוסיע איז געווען אויף א הויכן ניוואָ. ער האָט גערעדט וועגן דער יידישער ליטעראַטור אין ליטע, וועגן נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין פונעם מענטש.

## בילדער־אויסשטעלונג פון דעם ישראל־מאָלער שלום סעבווי

אין דער קונסט־גאַלעריע אין לובלין איז געעפנט געוואָרן א בילדער־אויסשטעלונג פון דעם ישראל־מאָלער שלום סעבווי, א געבוירענער אין סאָסנאָוויץ אין יאָר 1928. זיינע בילדער זענען פון א פארשידענעם זשאַנער און פאַרשידענע מאָלערײַ־טעכניק. א איבערוויגנדיקע מערהייט פון די בילדער איז די ישראל־טעמאַטיק, ווי "א שפּאַציר", "רויטע בערג", "א שטאָט", "הימל־עקספּאָזיציע", "א לעבן אין צופרידנקייט" א.א. בעת דער דערעפענונג פון דער אויסשטעלונג, האָט דער לייטער פון דער גאַלעריע הארציק באַגריסט דעם קינסטלער און איבערגעגעבן, אז זייענדיק אין דייטשלאַנד, האָט זיינס א מיטאַרבעטער באַזוכט א בילדער־אויסשטעלונג פון שלום דעבווי און אים איינגעלאַדן צו קומען מיט זיינע בילדער קיין לובלין. דער ישראל־קינסטלער האָט הארציק געדאַנקט פאַר דער באַגריסונג און איבערגעגעבן אייניקע פאַקטן פון זיין לעבנס־וועג: אין דער צייט פון דער היטלעריסטישער אָקופּאַציע, געווען אין לאַגער. דורך א נס איבערגעלעבט די שרעקלעכע צייט. אין 1946 עמיגרירט פון פּוילן קיין ארץ־ישראל. א טיף־געריהרטער, דערציילט ער וועגן זיינע קינדער־יאָרן, וועגן זיינע עלטערן, זיינע פריינד, וואָס זענען אומגעקומען מיט א שוידערלעכן טויט.

אויף דער איינלאַדונג פון די סעקרעטאַרין פון אונדזער־פאַרבאַנד־אָפּטיילונג, ליובע באַטראַשעק, האָט שלום סעבווי זיך געטראָפן מיט א גרופּע יידן. מיר האָבן אים אינפאָרמירט וועגן אונדזער טעטיקייט. דער קינסטלער איז געווען איבעראַשט פון דעם צונויפטרעף. ער האָט נישט געגלויבט, אז ער וועט אין לובלין טרעפן יידן. מיר האָבן אים געוויזן דעם אַלטן און נייעם בית־עלמין, די געביידע פון דער געוועזענער ישיבה חכמי לובלין, דאָס געוו. פּרץ־הויז, וועלכע דער "בונד" האָט געבויט פאַר א יידישע פאָלקס־שול און, פאַרשטייט זיך, א באַזוך אין דעם געוו. אומקום־לאַגער מאַידאַנעק. דער שרייבער פון די שורות האָט אים געגעבן אן עקזעמפּליאַר פון אונדזער צייטונג, וועלכע ער האָט געלייענט מיט גרויס אינטערעס.

## יזכור אויף די פעלדער פון מאַידאַנעק

דאָנערשטיק, דעם 29־סטן אפּריל איז ביים דענקמאָל אויף די פעלדער פון מאַידאַנעק, פאָרגעקומען א טרויער־מאַניפעסטאַציע אונטערן לאָזונג: "מיר לעבעדיקע–די אומגעקומענע".

אין די נאָכמיטאָג־שעהן זענען אויטאָקאַרן מיט יוגנט פון ישראל, אמעריקע, בעלגיע, פראַנקרייך, אַרגענטינע און מעקסיק אָנגעקומען אויף די מאַידאַנעק־פעלדער. אַלע האָבן געטראָגן העל בלויע בלוזעס מיט א צייכן פון אָנטיילנעמער אין דער מאַניפעסטאַציע. א טייל האָבן געטראָגן די ישראל־פאָן און א צייכן, פון וועלכן לאַנד זיי זענען געקומען. דורך דעם הילכער האָט זייער א פאָרשטייער געמאָלדן דעם אינהאַלט פון דער פייערונג, הויך האָבן געקלונגען זיינע ווערטער וועגן דער מאַרטיראָלאָגיע פון די יידן, אומשולדיק אויסגעמאָרדעטע אין מאַידאַנעק, ווו די ערד איז דורכגעווייקט מיט בלוט. דערנאָך האָט אן אָנטיילנעמערין רעציטירט א פּאָעמע געווידמעט דער מאַניפעסטאַציע און אינטאָנירט דעם פּאַרטיזאַנער הימן: "זאָג נישט קיינמאָל אז דו גייסט דעם לעצטן וועג". דערנאָך האָט דער ראַבינער אברהם פּאַלט פון אַרגענטינע געזאָגט "אל מלא רחמים" און קדיש. ווידער האָבן אָפּגעהילכט די ווערטער פון דער "התקוה". אַלע האָבן מיטגעזונגען.

צום סוף האָט א גרויסע צאָל אָנטיילנעמער דורכן הילכער מזכיר געווען זייערע נאָענטע, רופנדיק זייערע פאָרנעמען און פאַמיליע־נאָמען פון וועלכן לאַנד. די פייערונג איז דורכגעפירט געוואָרן אין עברית.

אין די פרימאָרגן־שעהן האָבן א טייל אָנטיילנעמער באַזוכט דעם אַלטן און נייעם בית־עולם, דעם אוהל פון דער פרענקעל־פונדאַציע, דעם אָנדענק־צימער (געוו. בית־המדרש) און די געביידע פון "ישיבת חכמי לובלין".

די "גאַזעטאַ וויבאָרטשאַ" פון 25.IV האָט אין דער נאָטיץ "שלום דעם אש" געשריבן, אז וואַנדאַלן האָבן באַשמוצט דעם מאָנומענט מיט אַנטי־יידישע לאָזונגען "יידן אין גאַז־קאַמערן", א מגן־דוד, א האַקנקרייץ. היטלערס נאָכפאָלגער הוליען...

## ד"ר בינם ווייס שרייבט פון וואַרשע:

טייערע לובלינער פריינד אין ישראל!
אונדזער "געזעלשאפט צו באשיצן די אָנדענק־ערטער פון דער יידישער קולטור אין לובלין", האָט באשלאָסן אָפּצומערקן דעם 9טן נאָוועמבער די דאטע פון 50 יאָר נאָך דער ליקווידאציע פון געטאָ אין מיידאן טאטארסקי.







ביילעגט דעם פּראָגראַם פון די פייערונגען. די הויפּט־מאָמענטן פון דער פייערונג וועלן זיין: די אַנטהילונג פונעם דענקמאָל אויפן נייעם בית הקברות אויפן קבר פון די אַנטדעקטע מיט 2 יאָר

צוריק און עקסהומירטע 190 יידן, אומגעקומענע אין מיידאן טאטארסקי.

עס דארף אויך ווערן אויפגעקלאפט אן אָנדענק־פלאַג אויף דער געוועזענער שיל און בית־המדרש אויפן זאמד (געוו. ביכאווסקע גאס נומ׳ 7), ווו עס געפינט זיך היינט א קלויסטער. אלץ איז אקצעפטירט דורך די אָרטיקע מאכט־אָרגאנען. דער אויפשריפט וועט זיין אויף פויליש און העברעיש.

ס׳האָבן זיך געפינען שפענדערס, וועלכע דעקן אלע אויסגאבן פון דעם טאָוול פון שווארצן גראניט (60x40 סאנטימעטער), גרויסע אותיות, מיט פאָלגנדיקן טעקסט: "אויפן שטח פון דער פלעבאניע האָט ביזן יאָר 1942 זיך געפינען א בית הכנסת".

"על שטח בית הכומר, היה כאן עד שנת 1942 בית המדרש ד׳ "זאמד".

פארן דענקמאָל פאר די 190 קרבנות פון די דייטשישע רציחות האָבן מיר באקומען פון דער רעגירונג 30 מיליאָן זלאָטיס. דאָס איז ווייניק, נאָר מיר וועלן אפשר באקומען נאָך. איך וועל בקרוב ארויסשיקן דעם פּראָיעקט פונעם דענקמאָל, נאָכן באשטעטיקן דורך די בארופענע אינסטאנצן.

**ד"ר בינעם ווייס**

## פון דער רעדע ביים אנטהילן די אויפשריפט אויף דער געוו. שיל "אויפן זאמד"

די אנטיילנעמערס אין דער היינטיקער תפילה אין דעם קלויסטער, זענען עדות פון אנטהילן דעם אָנדענק־טאָוול אין פויליש און העברעיש. אָן גוזמא און אַן פּאַטאָס דארף מען פעסטשטעלן, אז דער פאקט האָט א היסטאָרישע באדייטונג – אָן אויפשריפט אין דער העברעישער שפּראך אין א קלויסטער. וויל איך דעריבער, אין נאָמען פון די יידן וואָס האָבן ביזן יאָר 1942 געוווינט אין דער שטאָט, ווי אויך אין נאָמען פון די וואָס ווינען היינט, און אין אייגענעם נאָמען, דאנקען דעם גלח פון דעם קלויסטער, וואָס האָט גורם געווען צו דער אויסערגעוויינלעכער געשעעניש.

זאָל דער באשיידענער אָנדענק־טאָוול זיין א סימבאָל פון כבוד און פריינדשאפט צווישן די גלויביקע, ווי אויך א באווייז פון געדענקען און דערמאָנען דעם טראגישן גורל פון יידישן פאָלק, אין דער תקופה פון דער פארברעכערישער היטלעריסטישער פּאָליטיק אין די יאָרן 1939־1944.

מיטן בוערן דעם 50סטן יאָרטאָג פון אומברענגען איבער 40 טויזנט יידן אין לובלין, וויל איך באדאנקען דער אָנפירונג פון דער קירכע און אייך, ליבע פריינד, און באגריסן מיטן העברעישן שלום וברכה.

**5702** **5752**

**Przewodniczący Rady Miejskiej Lublina**
**Prezydent Lublina**
**Związek Gmin Wyznaniowych Żydowskich w Polsce**
**Fundacja im. Rodziny Nissenbaumów**
**Towarzystwo Opieki nad Pamiątkami Kultury Żydowskiej w Lublinie**

## uprzejmie zapraszają

**na uroczyste obchody 50-lecia zagłady Żydów Lubelskich w dniu 9 listopada 1992 r.**

**Program**

- $10^{15}$ – składanie wieńców przy Pomniku Zagłady
- $11^{15}$ – zwiedzanie Majdanka
- $12^{45}$ – odsłonięcie tablicy pamiątkowej
- $13^{50}$ – posiłek w Izbie Pamięci
- $15^{00}$ – odsłonięcie pomnika na Nowym Cmentarzu
- $16^{00}$ – zwiedzanie Jesziwas Chachmej Lublin
- $17^{00}$ – część artystyczna w auli Jesziwas Chachmej w Lublinie
- $18^{00}$ – zakończenie uroczystości

**הזמנת המוסדות בפולין לאירועים של 50 שנה לחיסול גיטו לובלין**

**1942** **1992**

**President of Lublin City Council**
**Mayor of Lublin**
**Jewish Religious Union in Poland**
**Nissenbaum Family Foundation**
**Society of Commemoration of Jewish Monuments in Lublin**

## have the pleasure of

**inviting You to an event celebrating the 50th anniversary of Holocaust of Lublin Jews on 9th November 1992**

**Programme**

- $10^{15}$ – Laying the wreaths at Holocaust Monument
- $11^{15}$ – Visit to Majdanek
- $12^{45}$ – Unveiling of commemorating plaque
- $13^{50}$ – Reception in the House of Prayer
- $15^{00}$ – Unveiling of commemorating monument at the New Cementary
- $16^{00}$ – Visit to the Old Cementary
- $16^{45}$ – Visit to Jesziwas Chachmej Lublin
- $17^{00}$ – Concert in the Jesziwas Chachmej Lublin Hall
- $18^{00}$ – Round-up and farewell

**איינלאדונג צו די פייערונגען "50 יאָר זייט דער ליקווידאציע פון געטאָ לובלין"**

# ביי די לובלינער יידן אין פּאַריז

## משה זאַלצמאַן

### די פּורים־פאַרוויילונג

נישט געקוקט אויף דעם שלעכטן וועטער, זענען די מיטגלידער דאָך געקומען יום־טובן פּורים אין דער היימיש־משפּחהדיקער אַטמאָספער פון זייערע לאַנדסלייט. דער גרויסער זאַל פון ארבעטער־רינג איז געווען אויסגעפולט. דער שרייבער פון די שורות האָט באַגריסט דעם עולם און איבערגעשיקט אַ יום־טובדיקן גרוס די קראַנקע מיטגלידער וואָס האָבן, ליידער, נישט געקענט קומען און די 10 מיגלידער, וואָס געפינען זיך אין די עלטערן־היימען. מיר דערמאָנען מיט גרויס צער און טרויער די דריי מיטגלידער וואָס זענען אין 1992 אַוועק אין דער אייביקייט: וועבערמאַן און די פרויען פייקוס און אַקערמאַן. מיט אַ סך ווייטיק און צער דערמאָנען מיר די קרבנות פון דעם לעצטן מערדערלעכן אַטענטאַט אויף דער ישראל־אַמבאַסאַדע אין בוענאָס־ איירעס און דעם גרויסן נפטר, געוועזענער ראש הממשלה מנחם בעגין.

צוליב דער עלטער פון אונדזערע מיטגלידער, ווערט שווער צו אָרגאַניזירן אַ באַריכט־פאַרזאַמלונג, נוצן מיר אויס דעם יום טובדיקן צוזאַמענטרעף, כדי אויך דערציילן וועגן דער טעטיקייט פון דער לובלינער געזעלשאַפט פאַרן לעצטן יאָר. די געזעלשאַפט ציילט היינט 124 מיטגלידער — 29 פּאָרלעך און 66 איינצעלנע, אלמנס און אלמנות. די פינאַנסיעלע לאַגע איז אַ באַפרידנדיקע, ווייל די מיטגלידער צאָלן רעגולער זייער בייטראַג. מיר דאַרפן אויסדריקן אַנערקענונג דינה׳לע ראָטשטיין וואָס היט די געזעלשאַפט ווי אַ געטרייע מאַמע.

מיר האָבן אין פאַרגאַנגענעם יאָר אַדורכגעפירט דריי איינגעגעבענע אונטערנעמונגען: דעם יערלעכן יזכור־באַנקעט; דעם פּורים יום־טוב און דאָס פאַרזאַמלען זיך ביים מאָנומענט פון דער געזעלשאַפט אויפן בית־עולם באַניע, ערב יום כיפּור.

אָבער די גרעסטע, אָנגעשטרענגטע אַרבעט פון קאָמיטעט איז לטובת ישראל. מיר האָבן אין יאָר 1991 אָנטייל גענומען אין צוויי אַקציעס: די יערלעכע מגבית־אַקציע און הילף די סאָוויעטישע און עטיאָפּישע עולים אין ישראל.

אין פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן מיר געזאַמלט פאַר די צוויי אַקציעס 16 מיליאָן 671.000 אַלטע פראַנק, פון דער קאַסע פון דער געזעלשאַפט האָבן מיר בייגעשטייערט צוויי מיליאָן אַלטע פראַנק אַזוי, אַז צוזאַמען האָבן מיר איבערגעגעבן דעם פאַראייניקטן אַפּיל 18 מיליאָן 671.000 אַלטע פראַנק. איך וויל אויסדריקן אַ באַזונדערע אַנערקענונג: די קאָמיטעט־מיטגלידערין פייגעלע זאָבערמאַן און די פאָרזיצערין פון דער געזעלשאַפט טעשקע פאָרשטעטער. זיי האָבן באַוויגן זייערע קינדער זאָלן זיך באַשטייערן, אויך געזאַמלט ביי פריינט און שכנים. פון די 75 מנדבים, וואָס האָבן אָנטייל גענומען אין דער הילפס־אַקציע, איז אַ דריטל נישט קיין מיטגלידער פון דער געזעלשאַפט.

אויסער דעם האָבן מיר געשיקט 6000 נייע פראַנק פאַר זעקס עולים משפּחות, אָפּשטאַמיקע פון לובלין. ס׳איז סימבאָליש, אז אין גאַנץ פראַנקרייך איז געזאַמלט געוואָרן 18 מיליאַרד נייע פראַנק ביי 55.500 מנדבים, האָט די לובלינער געזעלשאַפט געגעבן איר ביישטייער מיט העכער 18 מיליאָן אַלטע פראַנק.

די לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט האָט פון דער קאַסע זיך באַשטייערט פאַר די פאָלגנדיקע יידיש־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס: "אונזער וואָרט" — 4500 פראַנק, פעדעראַציע פון די יידישע געזעלשאַפטן — 4000 פראַנק, פאַרבאַנד פון די יידישע געזעלשאַפטן — 3000 פר.; פאַרן מעמאָריאַל פון יידישן מאַרטירער — 2500 פר. און פאַרן "קול לובלין", וואָס דערשיינט אין תל־אביב — 2500 פראַנק.

דער קורצער באַריכט באַווייזט, אַז זייענדיק אַ מיטגליד אין דער לאַנדסמאַנשאַפט, איז מען פאַרבונדן מיטן יידישן ישוב אין פּאַריז און מיט מדינת ישראל.

פון דעם היינטיקן יום־טוב הויבן מיר אָן די אַקציע פאַר ישראל פאַרן יאָר 1992 און מיר בעטן און האָפן, אַז אַלע אונדזערע מיטגלידער און פריינד וועלן געבן זייער ביישטייער.

מיר באַגריסן די קאָמיטעט־מיטגלידער ראַשעל און משה ראָזנבלום צום געבורט פון זייער אור־איייניקל, און אונדזער גוטע פריינדין אידאַ געבראָוויטש צו איר ווערן 90 יאָר — עד מאה ועשרים.

גיטעלע עדעלשטיין, די וויצע־פאָרזיצערין פון דער געזעלשאַפט, גיט אַן אויספירלעכן רעפעראַט וועגן יום־טוב פּורים אויף דער קאַנווע פון מגילת אסתר, ברענגט אַרויס די טראַגעדיע פון דער יידישער עקזיסטענץ און די לאַנגע גלות־יאָרן. בעת דער עולם האָט טועם געווען פון די טראַדיציאָנעלע המן־טאַשן און פּרוכטן, איז דערפאָלגרייך, מיט אַ סך טאַלאַנט ארויסגעטרעטן דער רוסישער זינגער סאַשאַ, באַגלייט מיט זיין אַקאָרדעאָן אין אַ פּראָגראַם פון יידיש־העברעישע און רוסישע לידער.

### די יערלעכע אזכרה

מיט ציטער און יראת הכבוד האָבן פאַרטשעוווער און לובלינער יידן זיך פאַרזאַמלט דעם 10־טן נאָוועמבער 1991, אָפּצוציכענען די 49סטע יאָרצייט נאָך די צענדליקער טויזנטער יידן, וואָס זענען בעסטיאַליש דערמאָרדעט געוואָרן פון די נאַצי־קאַניבאַלן, מיט זייערע געטרייע מיטהעלפער אוקראַאינער־פּאָלאַקן־ליטווינער.

נאָכן אָנצינדן די זעקס סימבאָלישע ליכט, האָט דער חזן אַבאַרנאַד געזאָגט דעם אל־מלא רחמים, און דער גאַנצער עולם האָט צוזאַמען מיטן חזן געזאָגט "קדיש".

דער פאָרזיצער פון דער אזכרה, אַנאַטאָל בינשטאָק געהערט צו דעם טייל יידישע יוגנט, וואָס האָבן געהייליקט דעם זיג איבערן נאַצישן דייטשלאַנד, מיט זייער אייגן בלוט. אַלס יוגנטלעכער פרייוויליק זיך אָנגעשלאָסן אין דער סאָוויעטישער אַרמיי. פאַר זיין קעמפערישער דרייסטקייט, געוואָרן אויסעצייכנט און דריי חדשים פאַרן ענטגילטיקן זיג, געוואָרן שווער פאַרוווּנדעט.

אין זיין קורצן אַריינפיר באַערט ער די 8 מיטגלידער פון דער לובלינער געזעלשאַפט, וואָס זענען דאָס לעצטע יאָר אַוועק אין דער אייביקייט און דער־מאָנט די וויצע־פאַרזיצערין פון דער געזעלשאַפט, גיטעלע עדעלשטיין, וואָס האָט היי־יאָר איבערגעלעבט צוויי שווערע אבידות, מיט דער פטירה פון ליבן מאַן יידל און דעם ברודער מאיר שילדקרויט. ער באַגריסט די פאַרזיצערין פון דער געזעלשאַפט טעשקע פאַרשטעטער־קאַרמאַן, וואָס

האָט ענדלעך נאָך דריי חדשים פאַרלאָזט דעם שפּיטאָל און געפינט זיך היינט מיט אונדז.

דער סעקרעטאַר פון דער פּארטשעווער לאַנדסמאַנשאפט, אברהם קאָסטאַ, דערמאָנט אין זיין אַרויסטרעטונג דעם אומקום פון די 6000 פּאַרטשעווער יידן. ער מאַכט אַ קורצן היסטאָרישן איבערבליק איבער דער פּאַרטשעווער קהילה וואָס האָט עקזיסטירט 350 יאָר און פאַרן אַריינקומען פון די היטלער־באַנדעס האָבן געלעבט 6000 יידן.

דער שרייבער פון די שורות ברענגט אַרויס, אַז א יאָרצייט פון די לובלינער איז גלייכצייטיק אַ דערמאָנונג פון אלע לובלינער יידן, מיט אירע 18 "פּאָוויאַטאָווע" שטעט און 110 קליינע שטעטלעך, אין וועלכן עס האָבן געלעבט העכער 250.000 יידן. ווו נעמט מען ווערטער צו קענען אויסדריקן דעם ווייטיק און צער, ווי דער דיכטער ישעיה שפּיגל האָט געשריבן: "שענקט מיר דאָס וואָרט כ'זאָל קענען באַקלאָגן מיליאָנען בית עלמינס, די גרוילן און יסורים ביים אַריינקומען פון די בלוטיקע דייטשישע הענקער אויף דער פּוילישער ערד".

די באַריכטן נאָך דער באַפרייאונג פון קאָנצענטראַציע־לאַגער אין מיידאַנעק אין 1944 האָבן אויפגערודערט די וועלט. אונזער גרויסער לובלינער בן עיר, דער דיכטער יעקב גלאַטשטיין, האָט אין זיין טיפן ווייטיק אויסגעדריקט אין זיין פּאָעמע "נישט די מתים לויבן גאָט". יזכור אונדזערע אומגעקומענע משפּחות, ווי די אַלע לובלינער אומגעקומען אין די אַרמייען פון די אַליאירטע און אין די פּאַרטיזאַנער. יזכור די 161 לובלינער און 96 קינדער וואָס זענען דעפּאָרטירט געוואָרן פון פראַנקרייך און געטיילט דעם גורל פון די זעקס מיליאָן קדושים. מיט אַ באַזונדערן פּיעטעט דערמאָן איך די 12 לובלינער יידן, וואָס זענען דערשאָסן געוואָרן פאַר זייער אָנטייל נעמען אין דער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין פראַנקרייך. איך דערמאָן דעם זאַמאָשטשער יוסף עפּשטיין, וואָס האָט אָנגעפירט מיט די מיליטערישע באַוואָפנטע אַקציעס אין פּאַריז, ביז זיין ווערן דערשאָסן אויפן מאָן וואַלעריאַן.

מיטן מעלדן פון פאָרזיצער וועגן דער נייעסטער אונטערנעמונג פוןביידע לאַנדסמאַנשאַפטן וואָס וועט פאָרקומען דעם 15־טן דעצעמבער, ווערט דער איינדרוקספולער יזכור געשלאָסן.

# ביי די לובלינער אין מעלבורן

שבת, דעם 21סטן מערץ 1992, איז אין דער גאסטפריינטלעכער היים פון אונדזער פריינדין מאַשאַ ווינער פאָרגעקומען די יערלעכע, אלגעמיינע פארזאמלונג לטובת דעם פאראייניקטן ישראל־אפיל, מיטן אנטייל פון גאסט־רעדנער שמואל ראָזענקראנץ. שוין איבער 30 יאָר, ווי מיר פירן אדורך אזעלכע פארזאמלונגען, וועלכע איז די קרוין־טעטיקייט פון אונדזער הייפל לובלינער אין מעלבורן.

די געלט־זאמלונג פאר ישראל גייט תמיד אדורך מיט דערפאָלג, א דאנק דער ענערגישער טעטיקייט פון אונדזער פרעזידענט, פריינד גאָלדבאנד.

דעם 9טן נאָוועמבער האָבן מיר אדורכגעפירט די יערלעכע אזכרה צום אָנדענק פון אונדזערע קדושים און אָפּגעגעבן כבוד דעם אָנדענק פון אונדזערע לובלינער יידן, די קרבנות פון די דייטשישע רציחות.

**מאָטל טרייסטמאַן**



**צוגרייטונג צו דער אַפּיל־פאַרזאמלונג אין מעלבורן**
**הכנות לאסיפת המגבית במלבורן**



**די קבורה פון די ביינער פון 190 קרבנות פון די נאצישע רציחות אין מיידאן טאטארסקי, אין נאָוועמבער 1942. עס רעדט: ד"ר בינם ווייס.**

# מיין באגריסונג אויף דער יום העצמאות פייערונג פון די לובלינער

## מארעק אָרטמאַן

טייערע לאנדסלייט פון ישראל און פון אויסלאנד! איך וויל אלעמען ווינטשן א "חג שמח" און אן אַנגענעמען פארברענג אויפן היינטיקן אָוונט, וואָס איז ביי אונדז שוין געוואָרן א טראדיציע און אויך א פליכט, אז לובלינער יידן זאָלן צוזאמען פארברענגען אין א היימישער אטמאָספער און ביי געדעקטע טישן. איך וויל אויך אין אייער נאָמען, ווי אין נאָמען פון מיין פרוי און מיר, ווינטשן א באלדיקע רפואה שלימה משה קאָרן, אונדזער פריינד און נדבן לטובת אונדזער אָרגאניזאציע. מיר באדויערן, וואָס ער און זיין פרוי לובא קאָנען נישט היי־יאָר זיך באטייליקן אין אונדזער יום־טוב לכבוד דעם 44סטן יום העצמאות פון מדינת ישראל.

לאָמיר האָפן, אז איבעראיאָר וועלן מיר ווידער פייערן דעם דאָזיקן יום־טוב, צוזאמען מיט דער משפחה קאָרן. איך וויל אויפהייבן דעם כוס פאר זייער געזונט און פארן געזונט פון אלע לובלינער יידן, ווי פארן גאנצן פאָלק אונדזערן.

ווי דער פאראנטוואָרטלעכער פארן צוגרייטן די איצטיקע פייערונג, וויל איך דאנקען די אלע, וואָס האָבן געהאָלפן אין דער וויכטיקער ארבעט. נאָר א באזונדערן דאנק און יישר כוח האָבן זיך פארדינט די חברטעס פון דער פרויען־קאָמיסיע: איטקא פעלדמאן, צעשא טראכטענבערג־פישער, צעשא אָבליגענהארץ און אירית גאָטליב. זייט באגריסט!



**אויף דער יערלעכער אזכרה אין נחלת יצחק, אין טאָג פון אומקום און גבורה**
**באזכרה השנתית בנחלת יצחק, ביום השואה והגבורה**





שמחות ביי לובלינער: אויף דער חתונה פון אייניקל פון דבורה
און מתתיהו הורן אין שפיים
בחתונת הנכדה של דבורה ומתתיהו הורן בשפיים



קבלת פנים פאר די משפחות פון אויסלאנד: טרייסטמאן פון מעלבורן, בוים פון מאָנטרעאל, רובין פון ניו־יאָרק און עדעל פון פאריז – אין דער וווינונג פון דער פאמיליע שטאָקפיש

קבלת פנים לאורחים מחו"ל, המשפחות טרייסטמן ממלבורן, בוים ממונטריאול, רובין מניו־יורק, עדעל מפאריס – אצל משפחת שטוקפיש

# בריוו ★ מכתבים ★ בריוו ★ מכתבים

## לאָס־אַנזשעלעס

א דאנק פארן "קול לובלין", וואָס איז ממש אימפּאָזאַנט. פון דער אויסגאַבע האָבן מיר גרוסן פון אונדזערע לובלינער יידן פון דער גאַנצער וועלט, זייערע ליידן און פריידן. א שטאַרקן איינדרוק האָט האָט אויף מיר געמאַכט די אינטערעסאַנטע באַשרייבונג פון רעדאַקטאָר דוד שטאָקפּיש וועגן די צוויי טעג אין לובלין, אין שיכות מיט באַנייען דעם בית הקברות דורך דעם פאַרפאַלק פרענקעל. איך צווייפל נאָר, צי די פּוילישע מאַכט־אָרגאַנען וועלן האָבן גענוג כוח צו צוימען די אַנטיסעמיטן מיט זייערע כוליגאַנישע מעשים. דעם הער פרענקעל און זיין פרוי קומט א יישר־כוח פאַר דער איניציאַטיוו און אינוועסטיציע צו רענאָווירן דאָס הייליקע אָרט.

אויב דאָס געזונט וועט דינען, וועל איך בקרוב באַזוכן ישראל און זיך זען מיט אַלטע באַקאַנטע און פריינד. זייט אַלע האַרציק געגרוסט.

**יוסף שנור**

## ניו־יאָרק

מיר ווילן קודם כל אויסדריקן צער און מיטגעפיל מיין יוגנט־חברטע גיטעלע, צוליב דעם טויט פון איר ברודער מאיר שילדקרויט און דיר דוד, צו דער פטירה פון דיין ברודער שלמה שטאָקפּיש. איר זאָלט מער נישט וויסן פון קיין צער. עס פעלן אויס ווערטער צו טרייסטן. מיר ווינטשן אַלע לובלינער לאַנדסלייט, זיי זאָלן מער נישט וויסן פון קיין צער.

יעדער נומער "קול לובלין" פאַרשאַפט אונדז פרייד און כבוד, נאָר די רשימה פון די געשטאָרבענע מאַכט טרויעריק. נאָר אזא איז דער גורל. אין אָקטאָבער 1991 האָט אונדזער פריינד שלמה זינשטיין באַקומען א פאַראַליזש. ער געפינט זיך ביי זיין טאָכטער. איך האָב אים באַזוכט אין שפּיטאָל און שטאַרק באַדויערט זיין צושטאַנד. איצט איז שוין בעסער.

איך שפּיל נאָך אַלץ אין דער "פאָלקסבינע". נאָר אונדזער טעאַטער האָט נישט גענוג פּיעסן. מיר זענען דער עיקר פאַראינטערעסירט צו באַקומען פון ישראל אַקטועלע פּיעסן מיט ישראלדיקער טעמאַטיק.

**יוסף און צפורה שפּייזמאַן**

★

דערהאַלטן דעם "קול לובלין" און עס בלייבט אונדז נאָר צו ווינטשן זיך, אז נאָך א סך יאָרן זאָלן מיר, לובלינער, קאָנען שטאָלצירן מיט דעם זשורנאַל. איך שיק 50 דאָלאַר פאַר דער אויסגאַבע. איך האָב שטאַרק באַדויערט דעם טויט פון מאיר שילדקרויט און שלמה שטאָקפּיש. מ'האָט צוזאַמען א סך דורכגעמאַכט אין פאַרמלחמהדיקן לובלין, ביי פאַרטייאישער און געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. זיי געטרייסט מיט דיין שוועסטער פריידאלע. מיין טרייסט־וואָרט אויך פאַר גיטעלען.

**פאָלא מארגוליעס**

## אַטלאַנטאַ

איך האָב געלייענט דעם "קול לובלין", ווי מען זאָגט: פון א' ביז ת' און דאָרט געפינען זייער אינטערעסאַנטן לייען־מאַטעריאַל, און גאַנץ באַזונדערס – דער באַריכט וועגן 2־טאָגיקן באַזוך אין לובלין. נאָך דער מלחמה איז מיר אויסגעקומען צו וויזיטירן עטלעכע מאָל אונדזער היימשטאָט, נאָר צום באַדויערן – האָב איך דאָרט נישט געפונען דאָס וואָס מען זוכט אין דער אַלטער היים.

פון דער צייטונג האָב איך זיך דערוווּסט וועגן טויט פון שלמה שטאָקפּיש, וואָס איז מיר באַזונדער געוואָרן נאָענט, נאָכן אדורכליינען זיין בוך "אין ראָד פון צאָרן", וואָס שילדערט דאָס לעבן פון אן ערלעכן, באַוווּסטזיניקן אַרבעטער און קעמפער פאַר א שיינעס אידעאַל, וואָס האָט פאַרפירט אים און פיל פיל אַנדערע.

איך שרייב דעם בריוו פון אַטלאַנטאַ, ווו כ'געפין זיך ביי אונדזער זון. נאָכן אומקערן זיך קיין טאָראָנטאָ, וועל איך צושיקן א באַשטייערונג.

**חיים גילדינער**

## טאָראָנטאָ

איך שיק איבער דריי בילדער פארן ווידעאָ־פילם: פון מאָנומענט און פון דעם קאָמיטעט. ביי אונדז זענען פאָרגעקומען אייניקע פערסאָנעלע ענדערונגען אין צוזאַמענשטעל פון קאָמיטעט. איך און יאַבלאָנסקי געהערן צו דער רעוויזיאָנס־קאָמיסיע. ווי באַוווּסט, נעמט אונדזער אָרגאַניזאַציע אויך אריין אייניקע ערטער פון דער לובלינער אומגעגנט.

מיר לאָזן האַרציק גרוסן אונדזערע לאַנדסלייט אין ישראל און אין דער וועלט.

**משה וואקסבוים**

★

איך האָב געלייענט אין "קול לובלין" וועגן גרייטן א ווידעאָ־פילם וועגן דער יידישער לובלין. איז דער פּראָיעקט געוואָרן פאַרווירקלעכט? אין דער היגער לובלינער סאָסייטי האָט מען נישט געוווּסט צו ענטפערן. איך האָב געלעבט אין לובלין אין די יאָרן 1935־1943 און געענדיקט די הומאַניסטישע גימנאַזיע אין יאָר 1935. איך שטאַם פון פאַרצעווע, נאָר בין אָנגעשלאָסן אין דער היגער לובלינער לאַנדסמאַנשאַפט. מיין ווונטש איז בייצוטראָגן צום שאַפן א "לעבעדיקן" דאָקומענט פון דעם וואָס איז פאַרניכטעט געוואָרן אויף אזא ברוטאַלן אופן. איך האָב א ביסל דערפאַרונג אויף דעם געביט. כ'בין א מחבר פון א בוך, דערשינען אין ענגליש אין יאָר 1988. פון דער ידיעה אין "קול לובלין" פאַרשטיי איך, אז איר פאַרמאָגט זייער א סך מאַטעריאַלן אין שריפט און אין בילד. צי קענט איר מיר פאָרלייגן א וועג, ווי אזוי געניסן פון די מאַטעריאַלן? אויב דער געזונט־צושטאַנד וועט דערלויבן, וועל איך אין מערץ אָדער אַפּריל באַזוכן ישראל.

**ב. מאַנדעלקערן**

## מאָנטרעאַל

מיר האָבן מיט אינטערעס און ליבשאַפט געלייענט אונדזער "קול לובלין" און געווען זייער צופרידן, וואָס די צייטונג לאָזט אונדז נישט פאַרגעסן אין דער אַלטער היים. גלייכצייטיק פאָלגן מיר נאָך די געשעענישן אין ישראל און לעבן מיט מיט דעם אַלעמען וואָס איר מאַכט אדורך. האַרציקע גרוסן פאַר אונדזערע לובלינער יידן און מיר ווינטשן זיך צו הערן פון זיי כל טוב.

**אברהם און רוזשקע צווייקאַפּט**

## קאראקאס

אייער בריוו איז געקומען מיט א פארשפעטיקונג, נאָר אויך פון אים פארשטאנען, פאר וועלכע וויכטיקע אויפגאבן איר שטייט איצט בנוגע די פראָיעקטן צו פאראייביקן די יידן־שטאָט לובלין. ס'איז א זייער וויכטיקער ציל און איר קענט אויך אויף מיר שטענדיק רעכענען.

**טאדעאָ דאך**

## בוענאָס־איירעס

א דאנק פארן בריוו און די הארציקע ווערטער. איך האָב אויך דערהאלטן א קבלה אויף די צוגעשיקטע געלטער. ענדלעך באקומען 7 קאָפּיעס פון "קול לובלין" און איך גלויב, אז אויך אויף להבא וועט נישט זיין קיין פּראָבלעם מיטן באקומען די אויסגאבע. איך שיק איבער אויפן אדרעס פון ד"ר בן טובים די בילדער וואָס האָבן זיך געפינען ביי מיר און ביי אנדערע לובלינער אין בוענאָס־איירעס.

ס'איז מעגלעך, אז כ'וועל פאָרן קיין ווארשע צו די פייערונגען 50 יאָר געטאָ־אויפשטאנד אין ווארשע און אויך באזוכן לובלין. פארשטייט זיך, אז כ'וועל שוין אויסנוצן די געלעגנהייט און אויך וויזיטירן ישראל.

**קאָפּל מיזשעריצקי**

## לאָנדאָן

א הארציקן דאנק פארן שנעלן איבערשיקן מיר דעם "קול לובלין". איך האָב נישט געקענט גלייך ענטפערן, ווייל עס נעמט א 2־3 טעג, ביז מען באוואוסט אלץ איבערצולייענען. מיר איז שווער איבערצוגעבן אין עטלעכע ווערטער וויפל פארגעניגן, ווי אויך זיסע און ביטערע דערינערונגען די צייטונג ברענגט מיט זיך. צום באדויערן, אלץ מערער נעמען פון מענטשן, וואָס זענען אוועק אויפן עולם האמת, געפינען זיך אין דער רשימה פון די נפטרים.

בייגעלייגט א טשעק אויף 50 ענגלישע פונט און איך וואַרט שוין מיט אומגעדולד אויפן נאָענטסטן נומער פון אונדזער אויסגאבע.

**איזאק קרעמפעל**

## ישראל

לכבוד מר מתתיהו הורן
יו"ר ארגון יוצאי לובלין בישראל
תל־אביב.

א.נ.,

התרגשתי מאוד לקבל את המחאתך על סך של 500 ש"ח.

דרככם לשמור על קשר אתנו מחממת את לבנו וגם אנו כמוכם מרגישים בחשיבות של שמירת רצף הדורות בינינו. חובה עלינו לחזור ולהזכיר לדור הצעיר שחינוכו נתון בידינו את מורשת עמנו, ואת דרכו רצופת המכשולים והכאב. מי יתן והדורות הבאים יזכו לחיות בשלום במדינת ישראל.

בברכה ובתודה:

**אילנה דן,**
מנהלת בית הספר "עלומים" ברמת־השרון

מר מתתיהו הורן, יו"ר
ארגון יוצאי לובלין בישראל.

מר הורן הנכבד,

שמחנו לקבל את מכתבך בדבר חוברות של **קול לובלין**, החסרות בספרייתנו. ובתשובה לשאלתך – עד כה הגיעו לידינו חוברות מס' 15, 17, 23, 24, 25, ו־26.

**חסרות לנו החוברות:** מס' 1־14, 16, 18־23.

נהיה אסירי תודה לך, אם תוכל לאתר ולו חלק מחוברות אלה, למען קוראינו המתעניינים בקהילת לובלין ובניה.

**(־) אורה אלקלעי,**
מנהלת הספריה ב"יד ושם" ירושלים

אל: מר מתתיהו הורן
מאת: מיכל כהן
הנדון קבלה על תרומה

רצ"ב צילום קבלה ע"ס 500 ש"ח, תרומת ארגונכם לתלמידי ביה"ס הפעילים בנושא לימודי השואה.

תודה בעבור התרומה
ובברכתי שנה טובה –

**מיכל כהן**
מרכז חינוך ליאו בק

לכבוד
מר יוסף ברנהולץ,
מנהל אגף החינוך – ראשון לציון

א.נ.

הנני מאשר קבלת מכתבך מיום 5.10.92, ואת הגלויה עם הצילומים שמר אנדז'י נובודבורסקי שלח עבורי.

חן חן עבור שרותך הנאה.

בהזדמנות זו הייתי רוצה לקבל חוות־דעתך בקשר לסיורים של הנוער שלנו בפולין.

האם הם לומדים משהו מהביקורים. בפרט במחנות השמדה?

חג שמח.

בברכה

**מ. הורן,** יו"ר הארגון

13.10.92

---

### עיריית ראשון לציון
### אגף החינוך – הנהלה

לכבוד
מר מתיתיהו הורן, יו"ר ארגון יוצאי לובלין
תל־אביב

א.נ.,

**הנדון: השתתפות תלמידים של בית ספר על יסודי בראשון לציון בטקס האזכרה לניספים בשואה בני העיר לובלין**

בהמשך לשיחתנו הטלפונית בנדון, הנני להודיעך, כי מר אילן בהירי מנהל חטיבת הביניים ע"ש דורות נענה לבקשתי ואישר ההשתתפות של תלמידים מביה"ס שבהנהלתו בטקס האזכרה הנערך מדי שנה בשנה לזכר הנספים בשואה בני העיר לובלין.

עליך לפנות בנושא ישירות למר אילן בהירי, כדי למסור לו את הפרטים הנוגעים לטקס האזכרה.

אני מודה בזה למר אילן בהירי על היענותו ומקווה, כי הקשר בין ארגון יוצאי לובלין ובית הספר ע"ש דורות יתרחב גם לפעילויות נוספות, מה גם שקיימים עתה קשרי תאומות בין ראשון לציון ללובלין.

להלן, הכתובת ומס' הטלפון של חטיבת הביניים "דורות":
רח' דרובין 37 ראשל"צ. טל': 9659090

בברכה
י. ברנהולץ
מנהל אגף החינוך

# זוכט קרובים

מיין נאָמען איז יעזשי דאָלעמבסקי, איך וווין אין פּוילן. מיין אָפּשטאם איז א יידישער. דער אמתדיקער נאָמען פון מיינע ביאָלאָגישע עלטערן איז מיר נישט באקאנט.

איך בין געקומען קיין ישראל, כדי דאָ אויסצוברייטערן מיינע זוכענישן. די געשיכטע מיינע הייבט זיך אָן דעם 15טן אָקטאָבער 1944 אין לובלין. די עלטערן וואָס האָבן מיך אדאפּטירט, אין עלטער פון בערך 2 יאָר, האָבן מיך גענומען פון א קאטוילישן יתומים־הויז אין לובלין. איך האָב דעמאָלט געהאט א כאראקטעריסטישן צייכן אויפן רעכטן פוס און האָב אים ביזן היינטיקן טאָג. אויפן האנט האָב איך געהאט א בענדל מיטן אויפשריפט "טאָמטשאָ נ." אזוי דערציילן מיר די עלטערן, וואָס האָבן מיך אדאפּטירט.

אויב עס לעבט ווער, וואָס האָט מיר, מעגלעך, געראטעוועט דאָס לעבן, אָדער ווייסט עפּעס וועגן אזא קינד - ביטע שרייבן אויפן אדרעס:

JERZY DOLEMBSKI, UL. HALLERA 16/8, WEJHEROWO 84-200, POLAND.

איך וויל אונטערשטרייכן, אז די עלטערן וואָס האָבן מיך אדאפּטירט רופן זיך: יאַן און לעאָקאדיא דאָלעמבסקי און אין די מלחמה־יאָרן געוווינט אין הרוביעשוּוו.

בייגעלייגט די בילדער פון יענער תקופה. דאָס קינד - בין איך.



**יעזשי דאָלעמבסקי אלס קינד**
**יז׳י דולמבסקי כילד**

# לובלין

דאָס איז א רירנדיקער בריוו פון א פּאָלאק, וועלכער זוכט צוויי לובלינער יידן, וואָס אלס קינדער, זענען זיי געווען אויסבאהאלטן דורך זיין באָבע יוסטינא צענקאלקא – ביז דער באפרייאונג. עטלעכע יאָר נאָך דער מלחמה, זענען די צוויי ארויסגעפאָרן קיין אויסלאנד – איינער קיין לאָנדאָן, דער צווייטער – קיין אויסטראליע. זיי האָבן א לאנגע צייט אָנגעהאלטן א טעלעפאָנישן און בריוולעכן קאָנטאקט מיט דער באָבען און אירע קינדער. נאָר אין יאָר 1989, איז אלץ געוואָרן איבערגעריסן. די ארויסגעשיקטע בריוו פון לובלין, בלייבן אָן אן ענטפער.

